STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02196

MAYN BUKH

Peretz Hirschbein

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרץ הירשביין

מיין בוך

אַלע רעכטען אויף
דעם בוך בעהאַלט דער
אויטאָר פאַר זיך.

א. וואַנדערער־טרוימען.

פּראָלאָג.

ווייט, גאָר ווייט, אויף יענער זייט מדבריות און ים׳ען, איז אַ לאַנד פאַרהאַנען, דאָס לאַנד פון געזאַנג און האַרמאָניען.

הויכע בערג רינגלען יענעס לאַנד פון אַלע זייטען אַרום און אויף די שטאָלצע אַקסלען פון יענע בערג זענען אָנגעצויגען די ברעגען פון די בלויע הימלען.

ביי די קינדער אין יענעם לאַנד איז אַ וואונדער־האַרץ פערבאָרגען: סטרונעס דינע, פון געזאַנג געוועבטע, זענען אָנגעצויגען אויף די הער־צער פון יענע מענשען.

ווערט דאָרט געבוירען אַ קינד אינ׳ם טאָל, פאַלען אויף דעם שטראַהלען פון דער אויפגעהענדער זון — הויבט דאָס האַרץ אָן צו זינגען.

ציהען קלאַנגען פון דער נשמה אַרויס.

זינגט דאָס האַרץ דעם מאָרגען־לויב;

זינגט עס אַ ליעד פון יוגענד אונליכטיגען כּריה־מאָרגען.

פרעסט דאָס קינד פון יענעם טאָל דאָס שטאַרקע בענקען די הויכע בערג איבערצושטייגען, — ציטערט דאָס האַרץ פון טיפע שמערצען;

רעגט זיך דאָס האַרץ פאַר ווילדען בענקען —

ציטערען די סטרונעס אויפ׳ן מענשענס האַרץ:

אינ׳ם קלאַנג שפּילט די נשמה, רייסט זיך און וויינט. און איהר געוויין איז דאָס אייביגע געזאַנג.

געהט דער טאָג פאַרביי און די זון הויבט זיך אָן צו פערהוילען הינטער

די שפּיצען פון די הויכע בערג, ווערט דאָס געזאַנג פון יענע הערצער שטאַר-
קער און ברייטער; געזאַנגען מיט געזאַנגען בעגעגענען זיך, שטראָמען און
פליסען אינאיינעם; ווערען אין איין מעכטיגען געזאַנג-ים פערוואַנדעלט.

און די געזאַנג-כוואַליעס טראָגען זיך, ווילען די בערג אַריבערשטייגען.

נאָר די זון קעהרט זיך צוריק ניט אום.

אין בלויען הימעל בעווייזען זיך שטערען; פינקלען און אָנגעשטרענגט
הערען זיי דאָס געזאַנג, ווערען פערשיכורט פון מענשענס בענקען און איין
שטערען נאָכ'ן אַנדערען הויבען זיך אָן צו רייסען פאַר שמערצען פון בלויען
הימעל אַרויס און פאַלען אין דער נידער, אין טיפען טאָל אַריין. פאַלען און
ווערען אויף אייביג פערלאָשען.

בענקענדיג רייסען זיך די שטערען פון הימעל און ווערען פערלאָשען —
און בענקענדיג רייסען זיך די הערצער ביי יענע מענשען און פערגעהען.

די הערצער רייסען זיך — און ביז'ן לעצטען ציטער הערען זיי ניט אויף
צו זינגען און צו בענקען...

*

פון אַ פרעמד לאַנד און פרעמדען טאָל איז מיין מלאך געקומען און פון
דער פרעמד האָט ער מיר מיין האַרץ געבראַכט.

פון יענעם אומגליק-גליקליכען לאַנד איז די נשמה מיינע.

זינגען און בענקען וועט דאָס האַרץ מיינס ביז עס וועט צוריסען ווערען.
און פערגעהן.

און די קלאַנגען פון מיין האַרצען וועלען אייביג עלענד בלייבען. קיינ-
מאָל וועט זיך דאָס געזאַנג ניט אַריינגיסען אין יענעם גרויסען, ליכטיגען
האַרמאָניען-ים.

אין די לאַנגע דונקעלע נעכט פון מיין שטענדיגען אומוואַנדערען רייסען זיך שטערען פון בלויען הימעל אַרויס — אָבער ניט אין מיינע אָרעמס פאַלען זיי. ניט אין מיינע אָרעמס לעשען זיי זיך. — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

פון אַ פרעמד לאַנד בין איך פערוואָגעלט געוואָרען, אָבער מיין וועג — מיין לאַנגער און שווערער וועג וועט מיך קיינמאָל צוריק אַהין ניט פער־פיהרען. קיינמאָל ניט. קיינמאָל ניט. —

א.

אויפ׳ן שייד־וועג האָבען מיר זיך געטראָפפען.

מיעד און דערשראָקען ביזטו געזעסען ביים גרינעם וועג. פון דיין איי־גענעם איך ביזטו געלאָפפען און דיין ברוסט האָט פאַר פחד געציטערט: צי יאָגט דיך ניט דיין פינסטערער מזל אין דיין ווייטען וועג.

איך האָב מיך צו דיר דערנאָהענטערט.

דו האָסט אויפגעציטערט פאַר שרעק און שמחה צוזאַמען. איך האָב עס געזעהן אין דעם פייער, וואָס האָט זיך אין דיינע אויגען צופלאַקערט. פון דיינע אויגען האָט דער עלענד אַרויסגעבליקט און געוואונקען צו מיר.

עלענד ווי איך האָסטו זיך געשפירט אין דיין וועג צום גליק.

און ווען די נאַכט האָט אונז ביידען אַרונטערגענומען אונטער איהרע מו־טערליכע פליגלען, האָט שטיל דיין האַרץ מיר איינגערוימט:

— בעשיץ מיך; דער אומעט פרעסט זיך צו מיין ברוסט.

און מיעד איז דיין קאָפּ אויף מיין אַקסעל געפאַלען.

דיין בליק האָט נאָך לאַנג געבלאָנדזשעט אין בּלויען הימעל, — האָסט דאָרט געזוכט דיין שטערען, וואָס זאָל דיר דיין וועג בעלויכטען...

— אַך, פון געוואוינהייט אין הימעל צו קוקען האָסטו אָן דער ערד פערגעסען.

די נאַכט האָט אונז אַלץ מעהר אַרומגעהילט, ביז מיין קאָפּ איז אויף דיין ברוסט געפאַלען. איך האָב געהערט, ווי דער קוואַל פון לעבען האָט זיך צום ערשטען מאָל אויפגעריסען אין דער טיפעניש פון דיין האַרצען.

איך האָב געהערט, ווי איינס נאָכ'ן אַנדערען ווערען חרוב אַלע אַלטע וועלטען, וואָס האָבען נאָך דיין האַרץ פערנומען.

איך האָב געשפירט, דיין נשמה ווערט בעפליגעלט און שטראַהלט... דיינע ליפּען האָבען זיך צו מיין שטערען געפּרעסט און האָבען מיר פערטרויט.

אין מיין האַרצען הויבט זיך אָן אַ צויבער־פּאַלאַץ צו דערהויבען; כ'האָב מיין מזל אין מיין אייגענעם האַרצען געפונען.

דער העלער שיין, וואָס האָט פון דיינע אויגען געצויגען, האָט דיין געשטאַלט בעלויכטען און כ'האָב געזעהן, ווי די אונשולד בליהט אויף.

איין אויגענבליק האָט עס געדויערט —

און ווען דער פריהמאָרגען האָט אויפגעוואַכט, ביזטו שוין ניט געווען. פאַר דעם ליכט, וואָס איך האָב אין דיינע אויגען אָנגעצונדען, האָסטו זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין זוכען. — —

אַ שטומער וועהטאָג האָט מיין נשמה געדריקט, נאָר קיין איין איינציג וואָרט האָט זיך פון מיין האַרצען אַרויסגעריסען. שטום און פערקלעמט איז מיין גאַנצער וועזען געבליבען...

— — — — ווען די זון איז אויפגעגאַנגען, האָב איך שטיל יענעם וויג־

קעל פערלאָזען און, ווי אַ שטערען פערוואָגעלט אין די הימעלשע רוימען, האָט זיך מיין וואָגלען אויף דער ערד אָנגעהויבען.

ב.

וואו ביזטו?

יענע נאַכט איז ווי אַן׳אויגענבליק פערשוואונדען, נאָר אין יענעם אויגענבליק האָט אין מיין האַרצען אַ וואונדערליכער גאָרטען גענומען שפּראָצען.

און ווען דו האָסט זיך שטיל פון מיינע אָרעמס אַרויסגעשלייכט, זענען שוין די פּרעכטיגע פלאַנצען מיט בליהטען בעצירט געווען.

דער פריהלינג האָט אין מיין נשמה אויפגעוואַכט און כ׳בין פון פריהלינג שיכור געווען —

דער פריהלינג איז פאַרביי!

דער הייסער זומער איז געקומען און די פלאַנצען אין דעם צויבערגאָרטען קניען אונטער דעם יאָך פון צייטיגע פרוכטען. איך הער, ווי גרינע צווייגען ברעכען זיך אונטער זייער אייגענער משא —

און עלענד איז מיין האַרצענס גאָרטען...

ג.

אין מיין לאַנגען אומוואַנדערען בין איך פערשיידענע וועגען דורכגעאַנגען און מעהר פון אַלץ היט איך מיך פאַר די וועגען, וואָס זענען ביים זייט מיט ווייס־געקאַלכטע שטיינער אויסגעשטעלט:

זיי שרעקען מיך בייטאָג מיט זייער קאַלטען בלייכען שמייכעל איבער דעם וואַנדערער.

זיי שרעקען מיך ביי נאַכט מיט זייערע בעהאַלטענע סודות אין זיך.

איך מערק צייטענווייז, ווי שטיין מיט שטיין ווינקען זיך דורך און רוי־מען אַיין איינער דעם אַנדערען די סודות, וואָס מיעדע וואַנדערער האָבען זיי פערטרויט.

איך געה מיין גאַנצען לעבען אַליין און אויף מיינע וועגען וויל איך קיין עדות ניט לאָזען...

געה איך פאָרוועטס; פיהרט מיך מיין וועג צו דער פינסטערער נאכט — איך וויל אויף מיינע וועגען קיין עדות ניט לאָזען...

ד.

געדענקסטו, ווי שטיל ס'איז דאַן געווען?

אין מיין האַרצען איז אַ נייע ליעד געקוואָלען און האָט זיך געוואָלט צום הימעל אַרויסרייסען. אַליין מיט מיין האַנד האָב איך מיין ליעד אומגע־בראַכט:

איך האָב ניט געוואָלט די אונרוהיגע שטילקייט צושטערען.

אין מיין האַרצען האָבען אָנגעהויבען מערכען־בילדער צו שפּראָצען. איך האָב דיר געוואָלט פון מערכען־לאַנד דערצעהלען און האָב ניט געוואַגט מיינע ליפּען צו בעוועגען...

ווייסטו דען, וואָס איך האָב דיר דאַן דערצעהלען געוואָלט? איך וועל עס דיר נאָך פערטרויען

צייטענווייז דאַכט זיך מיר, דו שטעהסט הינטער מיינע פלייצעס, הערסט זיך אַיין צום קלאַפּען פון מיין האַרצען...

אין מיין אייגענעם הויז ווען כ'פערשליס מיך שפיר איך, כ'בין ניט אַליין!

אפשר שוועבט עס דיין שאָטען אום אויף מיינע ווענד?

אפשר שוועבט אַרום מיר מיין אייגענער חלום און נאַרט מיך...

אַלץ איינס!

ה.

מיין חלום איז מיר שטענדיג דער שענסטער געוועזן. מיין גאָט איז פאַר מיר שטענדיג דער שטאַרקסטער געוועזן. איין חלום האָט מיך פערלאָזען — איז אויף זיין אָרט אַנ'אַנדערער אויפגעקומען.

אַ טרוימער בין איך און דיך האָב איך אויך אין מיין חלום בעשאַפען:

דער עלענד און מיין איך האָבען דיך אין דער שטילער איינזאַמקייט געבוירען.

מיינע אייגענע טרוימען־קינדער רינגלען מיך אַרום און זינגען מיר אין דער שטיל דאָס ליעד פון עלענד און אונשולד...

דו ביסט אין מיינע טרוימען־נעצען געפאַנגען...

אַך ניין, פריי ביזטו!

פריי, ווי מיין אייגענער טרוים.

פריי, ווי מיין אייגען האַרץ.

פריי, ווי מיין נשמה, ווי מיין אייגען לעבען.

איך האָב פאַר מיין פרייהייט מיט מיין לעבען געצאָהלט. —
פריי ביזטו!...

צייטענווייז מערק איך, ביי מיר אין צימער געהט ווער מיט שטילע טריט אום.

אַזוי שטיל, גלייך ווי די טריט זאָלען זיך גאָר אין באָדען ניט אָנרירען.

און אין דער שטילקייט פערנעהם איך אַ געהיימען קייטען־קלאַנג.

יאָ, קייטען איז עס!

איך דערקען איהם, דעם קייטען־קלאַנג.

און פון וואָס די קייטען זאָלען ניט זיין — אַייזערנע, גאָלדערנע — איך דערקען איהם, דעם קייטען־קלאַנג.

וועמעס קייטען זענען עס?

וואָס פאַר אַ קלאַנגען זענען עס?

ביזטו אפשר צו מיר אין קייטען געשמידט פון ווייטען וועג געקומען?

ווער האָט דיר אָבער די קייטען אָנגעטהון?

ווער האָט ביי דיר דיין פרייהייט צוגענומען?

ווער ווייסט?

אפשר הער איך עס דעם קלאַנג פון מיינע אייגענע קייטען, אין וועלכע איך בין אַליין געשמידט און איך אַליין ווייס עס גאָר ניט?

אַלע מענשען, דאָס גאַנצע לעבען איז אין קייטען געפעסעלט —

און אפשר בעשטעהט דאָס גאַנצע לעבען פון אַ נאַרישען קינדער־שפיל:

שמידען זיך אַליין און וועלען זיך בעפרייען? — — — — — — —

מענשען האָבען די אַייזערנע קייטען אויף שטאָלענע אויסגעביטען.

איצטער שמידט די צייט פאַר מענשען גאָלדענע קייטען —

און דער לעצטער מענש?..

כאַ — כאַ — כאַ, ער וועט זיין אין זונענשטראַהלען געשמידט!

ז.

אין מיין אייגענעם האַרצען האָסטו זיך פערקליבען.
איך וועל דיך אין מיין נשמה פערשליסען.
איך געדענק, דו האָסט מיר דאַן שטיל אַיינגערוימט:
— איך וויל דיר אַ מעשה דערצעהלען פון דער ווייסער רויז — און ביזט שטיל געבליבען.
איך ווייס, וואָס דו האָסט מיר געוואָלט פערטרויען.
איך וועל עס מיר באַלד אַליין פאַר זיך איבערדערצעהלען און כ׳וועל הערען, ווי דו וועסט פון מיין האַרצען אַרויסלאַכען...
„אַמאָל זענען רויזען געוואַקסען.
גאָר ניט ווילענדיג האָט מען זיי פערזייט:
מיט הויפענס פולע בלומען־קערנער האָט די געטין פון בלומען געאַיילט צו אַ קעניגליכען שלאָס. האָט דער ווינד פון איהר עטליכע קערענדלעך פער־כאַפּט און הינטער דעם פענסטער פון אַנ׳אָרים פויער־הייזעל פערזייט.
רויזען זענען אויסגעוואַקסען — בלוט־רויטע, צופריעדענע רויזען.
איז דער גורל פון איין בלום אויסגעפאַלען אַנטקעגען פענסטער צו וואַק־סען, אינ׳ם אָרימען שטיבעל אַריינצובליקען.
און אינ׳ם שטיבעל האָט אַ מוטער געוואוינט מיט איהר איין און איינציגען קינד.
און וואונדערליך:

ווען דאָס קינד האָט נאָר דעם ערשטען טריט אָנגעהויבען צו שטעלען, האָט עס גלייך רעדען אָנגעהויבען. און די ערשטע ווערטער זענען געווען:

— מאַמע, מיר איז דאָ ענג אין דיין שטיבעל, כ׳וויל מיר אין דער גרויסער וועלט אַריין לאָזען...

די מוטער האָט גאָר ניט געענטפערט, נאָר איהר פּנים האָט זיך פאַר וועהטאָג איינגעשרומפּען און בלאַס ווי קרייט געוואָרען.

און שטום, און שטיל איז זי צום פענסטער געגאַנגען. און ווען דער פיינליכער בליק פון דער מוטער איז אויף דער רויז געפאַלען, איז די רויז פאַר שמערצען בלאַס געוואָרען" — — —

*

אַך ניין!

ניט דאָס האָסטו מיר געוואָלט דערצעהלען.

„ס׳איז אַ מאָל אַ בונט-רויטע רויז געווען. אַ מלאך האָט זי געפלאַנצט און אַליין זיך אין איהר געליבט.

זי האָט אין זיך זיינע מלאכים-טרוימען געאָטעמט —

און ער איז געווען אין איהר בלומען-דופט פער׳שיכור׳ט.

און איין מאָל האָט די בלום אין מלאך׳ס אָרעמס אַ שרעקליכען חלום געזעהן:

איבער׳ן וואַלד האָט זיך די נאַכט אַראָבגעלאָזען, און אויף אַ צווייג צווישען די גרינע פריהלינגס-בלעטער האָט די נאַכטיגאַל אין איהר געטרילער זיך פערגאַנגען, ס׳האַרץ פון וואַלד פערכשופט —

האָט זיך אַנ׳אָדלער פלוצלינג דורכגעטראָגען; אויף זיינע מעכטיגע פליגעל האָט ער זיך איבער׳ן וואַלד געטראָגען.

האָט זיך די נאַכטיגאַל נאָך אָדלער-פליגעל פערבענקט און האָט זינגען אויפגעהערט — — —

און פאַר שמערצען איז די רויז בלאַס געוואָרען״...

*

אַך ניין!

ניט דאָס האָסטו מיר געוואָלט דערצעהלען...

„ס׳איז אַ מאָל אַ בלום געווען — — —

ניין, ס׳איז אַ מאָל אַ קעניג געווען. האַרט איז געווען זיין האַרץ, ווי אַ קיזעל-שטיין און זיין שניי-ווייסער מאַנטעל איז געווען פון בלוט-טראָפּענס ווי מיט רובינען אויסגעשטיקט.

האָט דער קעניג אַ טאָכטער געהאַט, איז איהר האַרץ מוטערליך צאַרט געווען.

און אַרום דעם קייזערליכען שלאָס האָט אַ גאָרטען געבליהט, פון בלומען געצירט. און העכער פון אַלע בלומען האָט זיך אַ רויז דערהויבען. גליהענד רויט איז זי געווען.

פון אַ ים גרינסען האָט זי בלומען-בליקען געוואָרפען.

און איין מאָל...

ווען דאָס האַרץ פון דעם קעניג איז האַרטער ווי שטענדיג געווען און ווען זיין האַרץ האָט נאָך מעהר ווי שטענדיג געדאָרשט צום ריח פון זודיג קנעכטען-בלוט — האָט ער זיין טאָכטער גערופען און צו איהר אַזוי געזאָגט:

— אויב דו ווילסט נאָך מיר מיין קעניגרייך פערנעהמען, זאָלסטו זיך וואָס

מעהר צום רויטען פאַרב געוואוינען. שטאַרק איז דער קעניג, וואָס די גאַנצע וועלט זעהט איהם אויס, ווי מיט אַ רויטען שלייער איבערגעצויגען.

און ביי די דאָזיגע ווערטער האָט דער קעניג דעם שענסטען און יונגסטען קנעכט בעפוילען פאַר זיין טאָכטערס פיס צו קניען און מיט זיין אייגענער שווערד האָט ער איהם דעם קאָפּ אַראָבגעהאַקט.

דער זודיגער בלוט-שטראָם האָט דער פּרינצעסינס שניי-ווייסע קלייד אויף רויט געפאַרבען. נאָר איהר פּנים איז בלאַס ווי קרייט געוואָרען.

זי האָט אַליין פאַר זיך פּחד בעקומען און מיט טויט-שרעק איז זי אין גאָר-טען געלאָפען.

זי האָט פאַר פּחד פון זיך די קליידער געריסען. — — —

און די רויז?

זי איז פאַר שמערצען בלאַס געוואָרען."

*

אַך ניין!

ניט דאָס האָסטו מיר געוואָלט דערצעהלען.

ח.

וואָרום ציטערט אַזוי מיין שאָטען אויפ'ן וואַנד?

אַזוי ציטערט מיין האַרץ אין מיר.

איך האָב בלומען געקליבען און צווישען זיי דיין נשמה געזוכט; דאָס קלאַפּען פון דיין האַרצען געזוכט.

איך האָב אין שלאָף געהערט אַ שטילען שלוכצען, ווי אימיצער וואָלט זיך אין דער שטיל ווערגען מיט זיינע אייגענע טרערען.

דיינע טרערען זענען עס געווען.

ביזט אין מיין צימער געווען. האָסט אין מיין האַרץ אַריינגעקוקט און מיין אַלטע וואונד דערזעהן.

— נאָר קיין טרערען זאָלסטו אויף מיר ניט גיסען.

נאָר מיט קיין טרערען זאָלסטו מיר מיין שטערען ניט פייכט מאַכען —

— — — אַמענש ווערט אַ מלאך געבוירען —

ניין, אַ גאָט, אינ׳ם געטליכען געשטאַלט.

פערגיסט ער צום ערשטען מאָל טרערען, ווערט ער צו אַ מלאך גע-גליכענט —

וויינט ער אָבער צום צווייטען מאָל — ווערט ער אין אַנ׳אָרימען מענשען פערוואַנדעלט — — —

איך זוך ביי מענשען די געטליכע געשטאַלט!

*

אין פליגלען ווערט דער מענש געבוירען. צאַרט זענען זיי, ווי דאָס ליכט פון מאָרגענשטערען, און ווי שטערען-שטראַהלען הילען זיי דעם גאַנצען מענשען-קערפער איין...

וואויל איז צו דעם, וואָס האָט פון געבוירען-טאָג אָן זיינע פליגלען געשפירט.

וואויל איז צו דעם, וואָס האָט צוגלייך געהן און פליהען געלערענט.

ווער עס מערקט ניט אויף זיך די געטליכע פליגעל, ווערען זיי ביי איהם

אין אַייזערנע רייפען פערוואַנדעלט; זיי וואַקסען זיך צונויף מיט זיין אייגענעם לייב און ער ווערט אין זיין אייגענעם איך געפאַנגען.

ט.

אין די קאַלטע, פינסטערע הערבסט-נעכט טראָגט צו מיר דער ווינד אַ ווידער-קול פון אימיצענס רופען. אַמאָל איז עס אַ ווידער-קול פון קלאָג און יאָמער און אַמאָל — פון האָפנונג און פערבאָרגענע שמחה.

מיין האַרץ איז אָפען און פריי געפינען דאָרט זייער רוה אַלע פער-וואָגעלטע ווידער-קלאַנגען — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — ווער געהט עס אַרום מיין שטוב אין אַזאַ אונ-דערבאַרימדיגער נאַכט, ווען פערשייט פייפט דער ווינט צווישען די צווייגען פון די לינדען-בוימער און דער רעגען, ווען ער קלאַפּט טריב אין מיינע שויבען?

ס'איז אַמאָל אַ נשמה פערוואָגעלט געוואָרען.

געפאַנגען איז זי פריהער געווען, ווי אַ פויגעלע אין איהר שטייג; איז געקומען אַ פריהלינגס-ווינט, האָט דאָס שטייגעלע אויפגעמאַכט און די נשמה איז פריי אַרויס: אין ברייטען רוים, צווישען הימעל און ערד האָט זי זיך גע-טראָגען — און איז פערוואָגעלט געוואָרען.

האָט זי גאָר דעם וועג פערלוירען...

*

ווער קלאַפּט עס אין מיינע שויבען און זוכט רוה פון דער פינסטערער, בייזער שטורם-נאַכט, ווען מיין אייגענע נשמה ווייסט פון קיין רוה נישט און מיין האַרץ ציטערט און קלאַפּט זיך ווי אַ פויגעל אין זיין שטייג?!...

חלומות ליכטיגע, חלומות טרויעריגע. ניט רייצט און ניט וועקט מעהר דעם שטורעם אין מיין האַרצען.

י.

אויף טרויער־וועלטען בין איך פערוואָגעלט, און איהר שוועבט אַרום מיר, מלאכים פערבאָרגענע. איך זעה אייך ניט. איך שפּיר אייך בלויז.

איהר ווינקט צו מיר. איהר רופט צו מיר.

איהר האָט פריי מיין נשמה בעצוואונגען, מיין האַרץ איבערפילט און מיך צו אייך אונטערטעניג געמאַכט...

— — — שפּרייט אייערע פליגעל אויס, איהר גייסטער פערהוילענע, און טראָגט מיין נשמה אַוועק ווייט פון אַלע וועלטען, וואָס שאַפען פאַר מיר מיין טאָג און מיין נאַכט, מיין זונאויפגאַנג און מיין זונאונטערגאַנג.

וואו זענט איהר, מלאכים מיינע?

איך וואָגעל איבער באַרג און טאָל.

פרעמד איז מיר דאָס הויז פון מיין פאָטער.

פערטריבען פונ׳ם שויס פון מיין מוטער...

זינגט מיר אַ ליד, מיין האָפנונג זאָל אויפלעבען.

מיין האָפנונג האָט אינאיינעם מיט׳ן מאָרגענשטערען פאַר׳ן זונענאויפגאַנג אין הימעל געשימערט און געלויכטען און איצטער ווערט זי פון פינסטערע וואָל־קען געטראָגען, פערוואָגעלט ווי איך אַליין, פון וועלט צו וועלט, און פון גאָט אַליין פערשטויסען.

יא.

צו מיר האָט די נאַכט געזאָגט:

— בײ מיר איז דײן מזל פערבאָרגען און אונטער מײנע פליגלען רוהט דײן פערלאַנגען. װילסטו דעם קװאַל פון אײביגען לעבען געפינען—זאָלסטו זיך דער פינסטערער נאַכט איבערגעבען.

בײם מאָרגענשטערען האָט מײן אויער פערנומען דאָס געװײן פון דער ערד:

װעה, מען רײסט פון מיר די נאַכט-פליגלען אַראָב און מײנע קינדער װעלען דערשפירען, װי עלענד זײ זענען —

װעה, מען רײכט פון מיר דעם נאַכט-שלײער אַראָב און מײנע קינדער װעלען פון זײער טרוים אויפװאַכען...

מיך האָט די נאַכט ערצויגען.

די נאַכט האָט מיר מײן מזל בעװיזען...

און מײן עלענד איז דאָפּעלט געװאָרען.

יב.

װי אַ ליכטיגער חלום אין אַ הערבסט-פריהמאָרגען בליהט אויף אין מײן עלענדען װאַנדערען דאָס געשטאַלט פון מײנע קומענדיגע טעג: און טרויעריג און ליכטיג זענען זײ, װי די מעלאַנכאָלישע הערבסט-פאַרנאַכטען פון דער יוגענד מײנער.

מיט די ווערבעס אינאיינעם האָב איך קינדוויז קינדיש אין וואַסער אַריינגעבליקט און דאָרט מיט אַנ׳אַיינגעהאַלטענעם אָטעם אונזער אָבשפּיגלונג געזעהן.

דער בוים האָט דאָס אייגענע געשפּירט וואָס איך און איך ווי דער בוים

איך בין אינאיינעם מיט׳ן בוים געוואַקסען און אינאיינעם מיט איהם, אין די פינסטערע הערבסט־נעכט, זיך צוגעהערט צום פייפען פון ווינט צווישען די נאַקעטע צווייגען און ווי ער זיך פערביטערט דורכגעטראָגען איבער׳ן אויבערפלאַך פון וואַסער און ווייט, ווייט ערגעץ פאַר ועהטאָג ווי אַ יתום זיך פערגאַנגען...

חלומות מיינע! חלומות מיינע!

ווי אַ טרויער־שורה פון בלאָנדע און טרויעריגע מלאכים — די בלויע, ליכטיגע אויגען זייערע מיט טרערען אָנגעפילטע,—אַזוי ציהט איהר זיך פאַר מיר און ווערט פערשוואונדען ווייט־ווייט אויף דעם ברעג פון מיין קינדהייט.

איך קוק צו אייך מיט בענקעניש־פולע אויגען און איך קען אייך ניט אָבשיידען פון די טעג פון מיין לעבען...

מלאכים מיינע! טרויער־קינדער מיינע!

אין דער שווערער רגע, ווען ס׳האַרץ האָט זיך פון שטומען וועהטאָג געריסען — האָב איך אייך געבוירען.

טרויער־קינדער מיינע! קענט איהר פאַר אייער עלענדען שעפער איין טרער, אַ ליכטיגע, פערגיסען?

קומט צו מיר, אין מיין האַרצען אַריין, וועט איהר דאָרט זעהן די נשמות פון אייערע ברידער, וואָס זענען נאָך אויף דער וועלט ניט אַרויסגעקומען און וועלען ווי איהר, ציטריגע, ליכטיגע און טרויעריגע געבוירען ווערען.

חלומות מיינע טרויעריגע, קינדער מיינע ליכטיגע! שווער איז אייך וויעדער צו אייער היים — אין מיין האַרצען — זיך אומצוקערען.———

חלומות מיינע, קינדער מיינע...

יג.

נאָך לאַנג ווערן די שטערן דאָרט אויבען אין די ווייטע הימלען ברע־
נען און שמערצליכע, און ליידענשאַפטספולע בליקען צו דער ערד יעדע נאַכט
וואַרפען —

און ציהען זיך וואָלקען אַ מאָל איבער פון מדינה צו מדינה און רוהען
צווישען הימעל און ערד — שלאָגען זיך די שמערצענס־בליקען פון די שטערן
אָן אין די וואָלקען און אין זייער נעבעל, אין זייער פינסטערניש ווערען זיי
פערלאָשען.

אַזוי גליהט דאָס האַרץ און ברענט. —

טיעף אין האַרצען גליהט עס. און קיינער, אויסער דאָס אייגענע אויג,
שפּיגעלט אין זיך דאָס פייער ניט אָב.

און קיינער, אויסער דאָס אייגענע האַרץ, שפּיגעלט אין זיך דעם וועה־
טאָג ניט אָב.

און פרעמדע ווינטען קומען אָן, צובלאָזען דעם פייער נאָך שטאַרקער
און מאַכען דעם וועהטאָג נאָך טיפער.

מאַכען די וואונד נאָך גרעסער...

יד.

די נאַכטיגאַל און איך זענען אַמאָל אַ גאַנצע נאַכט וואַך געווען.

מוטערליך האָט יענע נאַכט געוואַרעמט און געטוליעט צו זיך.

יעדער בוים האָט זיך מיט דער נאַכט צונויפגעגאָסען און ס׳איז געווען שווער אָבצוטיילען די בוימער פון דער מוטער־נאַכט.

די צווייגען פון די בעגרינטע פריהלינגס־בעראָזען האָבען אויסגעזעהן, ווי טונקעל־גרינע לאָקען פון דער מוטער־נאַכט.

אין די לאָקען, צוזאַמענגעוועבט מיט פריהלינגס־שאָטענס, האָבען זיך געצויגען אויסגעשפרייט אויף דער גאַנצער גרינער ערד...

פריהלינגס־מלאכים האָבען געאַיילט יעדע ווילדע דורכ׳ן וואַלד, בעדינענ־דיג די ליבע נאַטור אין איהר פריהען פריהלינג. און דער ווינט פון זייערע פליגלען האָט בעוועגט די לאָקען פון דער מוטער־נאַכט.

אַלץ אַרום האָט געדרעמעלט; ס׳האָט זיך נאָך געלאָזט הערען דאָס האַס־טיגע קלאַפּען פונ׳ם פריהלינגס־האַרץ. — —

און אפשר איז אַלץ אַרום וואַך געווען, געטרוימט מיט אָפענע אויגען וועגען דעם ערשטען פריהלינגס־בליץ, וואָס וועט דורך פייער בעפעהלען:

— זומער זאָל זיין!

אַזוי בין איך וואַך געווען און די נאַכטיגאַל איז אויך געווען וואַך.

איך האָב זי ניט געקענט מערקען. אונטער די פליגלען פון דער נאַכט האָט זי זיך בעהאַלטען און פון דאָרט אַרויסגעטרילערט.

העלער און שטאַרקער האָט דאָס מאָל די נאַכטיגאַל־שטימע געקלונגען.

נאָכ׳ן שטילשווייגען האָט זיך דאָס געזאַנג ווי פון אַ פריש האַרץ אַרויס־געריסען:

אין דעם נאַכטיגאַל־האַרצען האָט זיך אַ פרישער געזאַנגען־קוואַל אויפ־געריסען...

און אפשר האָט עס איהר האַרץ דאַן דאָס אייגענע וואָס איך געשפירט:

געזונגען ערוואַרטענדיג די געליבטע, וואָס דאַרף אָנקומען אויף די פליגלען פונ׳ם פריהלינג...

— — — און אפשר איז זי עס אַליין געווען אין איהר זינגען פערליבט; אַליין אין איהר אייגענער מעלאָדיע געפאַנגען...

און איך בין געזעסען און אויף דיר געוואַרט:

א חלום האָט מיר פערטרויט, דו וועסט די נאַכט אין דעם וואַלד זיין.

און זענענדיג איבערגעגעבען מיין אייגענעם טרוים

און צוהערענדיג זיך צום קלאַפּען פון מיין אייגענעם האַרצען, האָב איך דערשפּירט אַ האַנט אויפ׳ן אַקסעל...

כ׳האָב מיין קאָפּ אויף די קניע פערבאָרגען.

אַ טרוקענע האַנט פון אַנ׳אַלטען מאַן איז עס געווען.

און אפשר איז עס די האַנט פון דער עלטער געווען?..

איך האָב אַ קאַלטען הויך איבער מיין קאָפּ דערשפּירט און מיין אויער האָט פערנומען דאָס שעפּטשען פון קאַלטע, אַלטע ליפּען:

„מיין ניט, מיין קינד, די שטערען זענען אַזוי שען... זיי האָבען אויף אייביג דיין לעבען פערכשופט, ווייל אונענדליך ווייט זענען שטערען פון דיר.

דאָרט ווייט, אויף די שטערען-וועלטען, זיצען אַזעלכע אָרימע און עלענדע ווי דו און רייסען זייערע בליקען פון אונזער ערד נישט אָב, וואָס לייכט פאַר זיי ווי טויזענדער זונען אין דער אונענדליכער ווייטקייט.“...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די נאַכטיגאַל האָט די ווערטער געהערט און איהר געטרילער האָט מיט געוויין געקלונגען...

טו.

וואו ביזטו?

מיינע אויגען זוכען דיך הילפלאָז אין דער פינסטערניש.

איך וויל פאַר דיינע פיס פאַלען און מיין גרויס זינד פאַר דיר אויסדער-צעהלען.

כ'וועל זיך פאַר דיר מתודה זיין.

און אויב אין דיר קלאַפּט אַ מוטערליך האַרץ, זאָל עס מיר מוחל זיין, זאָל עס מיך בעשטראָפען — אַלץ וועל איך מיט ליבע פערנעהמען, נאָר די שווערע לאַסט פון מיין נשמה אַראָבוואַרפען.

זאָל דיין האַרץ מיך פערנעהמען...

איך האָב אַמאָל אַ מאַמען געהאַט.

שטענדיג האָט פון איהר האַרצען אַ קוואַל פון ליבע געשאָסען, נאָר זי איז פון הונגער געשטאָרבען.

ניין. ניט פון הונגער...

זי האָט פאַר דער עלטער מורא געהאַט...

אַך ניין. —

זי איז פאַר ליבע צו איהרע קינדער געשטאָרבען.

און א מאָל, אין מיין לאַנגען אומוואַנדערן, האָט זיך פלוצלינג צו מיר איהר שטים דערטראָגען.

דאָס האָט איהר האַרץ פאַר מוטערליכע ליבע געשריען. — — —

איך בין צו איהר געקומען, אין איהרע אָרעמס געפאַלען.

זי האָט מיך מיט אַ שטראָם הייסע טרערען בעגאָסען, אָבער קיין וואָרט האָבען מיר איהרע ליפען געזאגט:

פאַר גליק איז זי שטום געווען און פאַר גליק האָט זיך דער שטראָם טרערען פון איהר נשמה אַרויסגעריסען — — —

— — — און ווען ביי אונז אין ענגען, נאַסען שטיבעל איז פינסטער געוואָרען, האָב איך שטיל געזאָגט:

מאַמע, איך וואָלט שוין וועלען צוריק אַהיים פאָהרען. — — — —

און כ'האָב דערשפּירט, מורא'דיגס בין איך בעגאַנגען. כ'האָב אַלעבען חרוב געמאַכט.

כ'האָב אַ מוטערליך האַרץ אומגעבראַכט...

און כ'האָב דערהערט מיין מוטער'ס קול, ער האָט קינדיש געציטערט:

וואו איז דיין היים, מיין קינד?...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַך, „וואו איז מיין היים"?

מיין היים איז פערוואָגעלט אינאיינעם מיט מיין פינסטערען מזל און איך קען מיין זינד פון זיך ניט אָבוואַשען.

מיין מוטער איז פאַר מוטערליכע ליבע געשטאָרבען און איך וואַנדעל אַרום עלענד און האָב ניט ווער ס'זאָל מיר מיינע שווערע זינד פערגעבען...

טז.

וואו ביזטו?...

איך וועל פון די פערגאַנגענע טעג צוריק מיין קינדהייט אַרויסרופען און זי וועט מיר צוריק ברייגען מיין קינדערשען שמייכעל.

איך בין ביים שטילען וואַסער אויסגעוואַקסען און דער בלויער הימעל איז געווען דער צעלט מיינער.

איך האָב געבענשט די הערבסט-וואָלקענס ביי זייער פאַרביגעהן.

איך האָב געבענשט די פריהלינגס-וואָלקענס ביי זייער אָנקומען.

ביז צום אָרט, וואו די הימלען נידערען אַראָב, האָט צו מיר געהערט און איבער אַלע שטערען האָט מיין בליק געוועלטיגט.

איך בין קינדווייז קעניג געווען און מיין ווילען האָט פריי איבער מיין געדאַנק געהערשט.

פאַר מיר האָט די זון בייטאָג דער נאַטור בעדינט.

פאַר מיר האָט די לבנה ביינאַכט שטראַהלען געשפּונען.

פאַר מיר האָט דער ווינט פון אַלע עקען וועלט גרוסען געבראַכט.

פאַר מיר האָט דער רעגען געטריפט, מיינע בלומען-בייטען פייכט צו מאַכען.

פאַר מיר האָט די צייט איהר ליד געזונגען און אין דעם ליד האָבען גע-קלונגען די טענער, מיט וועלכע די נאַטור האָט בעגריסט איהר גרויסען שעפער ביים ערשטען זון-אויפגאַנג...

שטעה אויף, מיין יוגענד!

וואַך אויף, מיין קינדהייטס-טרוים, און פערנעהם מיין האַרץ!...

יז.

עס פאַלט דער וואַסער-שטראָם פון הויכען באַרג אַראָב – דורך וואָלקען איז זיין וועג.–

ווער ווייסט זיין שטרעבען און פערשטעהט זיין ווילען?
ער רוישט און שטורמט און שאַלט אין זיין פאַלען. —
צי לוסט איז זיין וואַסער־אָבקלאַנג?
אָדער שמערצען איז זיין גורל?

און זיין וועג איז צום טיפען טאָל; זיין וועג איז צום פינסטערען אָבגרונד..

אויך די זון שיקט אין איהם באָדען איהרע לויטערע שטראַהלען, ברעכט זיי דער שטראָם אין זיינע אָרעמס און צוריק צו דער זון איז דער וועג פער־לאָרען...

איך האָב דעם ים געזעהן אין זיין רוהען;

איך האָב איהם געזעהן אין ווילדען שטורם; און ווען ס׳רייסט זיך זיין ברוסט פאַר וועהטאָג אויף שטיקער — האָב איך זיינע שמערצען געפיהלט — אָבער וואָס איז דער וועהטאָג, וואָס דריקט אונזביידען, און דער שווערער חלום, וואָס רייסט אונזער ביידענס האַרץ?

איך האָב געזעהן די ערד אין פריהלינג, ווען הויך האָט זיך איהר פרוכטבאַרע ברוסט בעוועגט און צו די שטראַהלען פון דער זון געגלוסט; מיט דער פריהלינגס־נאַכט זיך אומאַרעמט און פערטרויט איהר דעם סוד פון איהר „זיין“, פערטרויט דעם סוד פון איהר בליהען. —

און איך האָב די מוטער־ערד געזעהן, ווען איהר פנים איז פערוועלקט געוועזן, איהר שענקייט ענטרונען; אויף איהר זענען געשטאַנען מחנות גרויע גאַרבען פון געשניטענע תבואות און איבער זיי האָט געפייפט דער ווינט און געשמיסען דער פערשייטער רעגען. — — —

— — — איז דען דער הייסער זומער געוועזן בלויז דער שענער בלו־מען־מאַנטעל, אונטער וועלכען דער טויט האָט זיין פנים בעהאַלטען?

און אַזוי געהט עס דאָס שפּיעלען פון פריהלינג און הערבסט, פון בע־
גייען און אָבלעבען?...

*

איך האָב געזעהן בוימער שוין אויף דער ערד ליגענדיג, נידריג ביים
שטאַם אָבגעהאַקט — און די צווייגען אויף זייערע קרוינען האָבען נאָך אין בלי־
הען געהאַלטען... און אויף זיי האָט דאָס ליכט פון דער אויפגעהענדער זון
געשפּילט.

און אויף זיי האָט נאָך דאָס ליכט פון דער שקיעה געלויערט...

איך האָב געזעהן ווײנענדיגע ווערבעס, ווען מען האָט זייער קרוין אַראָב־
געהאַקט, די צווייגען פערטיליגט, פון דער ערד אָבגעשניטען און צום וועג
אַרויסגעוואָרפען — און דער לעבענסלוסט האָט זיך אונטער זייער הויט גערעגט:

צווייגען נייע האָבען פון אַלע זייטען געשפּראָצט און צום לעבען גע־
גלוסט...

אָ, איהר ווערבעס פערווײנטע און אַייערע צווייגען, וואָס רינגלען אַייך
אַרום! אויך אַייך האָט מען געהייסען פיהלען דעם סוד פון לעבען אין טויט
און זיין בעשייד ניט צו וויסען.

אָ, איהר צווייגען יונגע, אויף דעם בוים דעם אויסגעוואָרצעלטען; אויך
איהר מוזט פונ׳ם לעבען חלום׳ען — ביי דער טויטער מוטער אויפ׳ן ברוסט...

אויך איהר מוזט פונ׳ם לעבען חלום׳ען און זיין בעשייד ניט צו וויסען...

*

גאָט דו שטאַרקער, גאָט דו מייגער!

האָסט מיין האַרץ אויסדערוועהלט דיין וועזען דאָרט אָבצושפּיגלען — און ווי זאָל איך עס פערטראָגען ?...

די זון געהט אויף און די זון פערגעהט ; דער טאָג געהט אַוועק און די נאַכט קומט אָן —

און פאַר דעם אַלעמען זאָל איך מיין האַרץ עפענען ?

דו קענסט אויף דער ערד דעם זומער מיט דעם ווינטער, דעם פריהלינג מיט דעם הערבסט אינאיינעם ניט בעזעצען — און איך האָב פאַר זיי אַלעמען מיין האַרץ אויפגעעפענט...

און די וואָלקען ווען זיי לויערן מחנות, מחנות און בעלאַגערען דעם וועג צווישען הימעל און ערד — מוז איך פאַר די זונען-שטראַהלען אַ וועג מאַכען און צו זיך אין האַרצען אַריינגעהמען...

זאָל מיין נשמה זיין ווי דער שטראַהל, וואָס באָדט זיך אין דעם טוי-טראָפּען אויף די גראָזען-שפּיצען און געבוירען איז ער פון דער זון אַליין —

זאָל מיין נשמה זיין ווי דער רעגען נאָך אַ הייסען זומער-טאָג, וואָס פרישט און בעפרוכפערט וואַלד און פעלד, זאַנג און בלום...

און איך מוז דעם שטורם, וואָס פאַר'ן רעגען, אויך אין מיין האַרצען אויפנעהמען...

די פינסטערע וואָלקען מיט זייערע פייערדיגע בליצען — וואָס בעדאַרפען זיי פון מיין האַרצען ?

זאָל זייער פייער רוהען אין דער וויסטע, דאָרט וואו שלאַנגען האָבען זייער רוה — — —

האָסטו פאַר דער בייזער שלאַנג ביי מיר אין האַרצען אַ נעסט אויסגע-בויט...

װעסטו דײַן גאַנצען װעזען אין מײַן נשמה אָבשפּיגלען?...

*

איך האָב געזעהן אַ קינד, װאָס איז צום קװאַל געגאַנגען, דאָרט װאַסער שעפּען און דער מוטער׳ס דורשט צו לעשען.

דאָס קינד האָט אין קװאַל דאָס אײגען געזיכט דערזעהן און צושראָקען אַ ציטער געגעבען — און דער קרוג האָט זיך פון זײַן האַנד אַרויסגעגליטשט און אין קװאַל אַרײַנגעפאַלען.

און אַז דאָס װאַסער אין קװאַל האָט זיך בערוהיגט, האָט דאָס קינד בײַם אײגענעם שאָטען אין װאַסער-שפּיגעל געבעטען, ער זאָל דעם קרוג אַרויסדערלאַנגען, װאַסער אָנשעפּען, דער מוטער׳ס דורשט צו לעשען — און װײנען אָנגעהויבען.

און אַז די מוטער איז צום קװאַל געקומען, בעגעהרט צו װיסען, פאַר װאָס איהר קינד װײנט, —

האָט דאָס קינד געענטפערט:

— איך װיל נאָך אַזאַ שװעסטער׳ל האָבען, װי דאָס װאָס איז אין קװאַל פערבאָרגען —

— — — און אויך דער װאַסער-קװאַל האָט אין מײַן האַרצען אַנ׳אָרט געפונען און דאָס קינדערשע געװײן קלינגט אין מײַנע אויערען...

יח.

װיעדער מײַן אַלטער בעקאַנטער װעג!

איך דערקען מײנע טריט; זײ האָבען די װינטען ניט פערטראָגען. איך װעל זיך אַרױסקלײבען צום באַרג און אױפ'ן װעג װעל איך װעקען די האַלב-פערשלאָפענע, האַלב-געשטאָרבענע געטער...

װאַנדערער האָבען אײך, געטער, פון זײער האַרצען אַרױסגעריסען און װײט פון זיך פערשלײדערט...

און אפשר איז צו שװאַך געװען דער אַלטער גאָט פאַר די מענשען-קינדער דעם בערג-װעג דורכצומאַכען און פאַר'ן אױפשטײגען האָבען זײ זיך נײע געטער געזוכט...

װער װעמען האָט פערלאָזען און װער אָהן װעמען איז פאַר דער צײט געפאַלען? זאָגט מיר!

אָרימע געטער!

אויף אײערע שטײנערנע געזיכטער שפּילט אַ קינדערשער שמײכעל... צי טרוימט איהר ניט פון אײער אױפשטעהן?...

צי טרוימט איהר ניט פון דער צײט, װען יעדערער פון אײך האָט אײ-בער אַ נשמה געװעלטיגט?... װען יעדערער פון אײך האָט אין זײן האַרצענס בית-המקדש געװאױנט?...

אָרימע געטער?

איהר האָט די מענשען-קינדער געלערענט אויף בערג צו שטײגען. און דאָרט אויבען האָט גאָר אַנ'אַנדער גאָט זײנע הענט אױסגעשטרעקט און געװאָרט אויף די קינדער פון טאָל...

אָרימע געטער!

צוזאַמען מיט די בענקענדע הערצער האָט איהר זיך געבראָכען און אין אײער בית-המקדש האָט זיך דאָס ליכט פערלאָשען — — — — — — — — — — — — — פון באַרג ביז באַרג ציהט זיך דער טאָל.

אינ׳ם טאָל איז אין בענקען אַלץ פּערנעבעלט... עס בענקט דער טאָל צום הויכען באַרג אַרויף; אין דעם מענשענס בענקען ליגען די געטער פּער־שיכור׳ט...

יט.

פאַר׳ן זונאויפגאַנג האָט מיין אויער פערנומען:
„מעק אָב פון דיין שטערן, אָרימער וואַנדערער, די זינד פון דיינע אַמאָליגע עלטערן, איידער דו ווילסט דעם באַרג איבערשטייגען... מעק אָב פון דיין שטערן די זינד, וואָס דער ערשטער מענש האָט בעגאַנגען און אויף דיין פּנים איז ער מיט דער אייביגער האַנד אויסגעקריצט...

ניט קיין באַרג און ניט קיין טאָל האָט די ערד פערמאָגט.

און פון מזרח ביז מערב, פון צפון ביז דרום האָט יעדע בעשעפעניס גע־בליקט דורכאויס.

ס׳איז ניט געווען בעזונדערע גן־עדן׳ס, פאַר וועלכע ס׳זאָל הענגען אַ פייערדיגע שווערד — אַלץ האָט געבליהט, אין לויטערקייט געהילט; די גאַנצע ערד איז אַ גן־עדן געווען...

טעפּיכער, פון הדסים און ליליען געפלאָכטען, האָבען געהילט און גע־צירט די מוטער ערד... שטיפענדיג האָט זיך דורכגע׳גנב׳עט דורך די גרינע פלאַנצען דער לויטערער קוואַל, בעזוימט און בעפּוצט מיט צאַרטע בליטען. און אין זיינע גערונצעלטע וואַסער־כוואַליעס האָט דאָס מאָרגען־ליכט גע־שפּילט און געציטערט...

ניט מיט קרבנות פון קעלבער און רינדער האָט די נאַטור איהר בורא

גערינט — בלויז מיט געזאַנג־האַרמאָניען האָט זי איהר ליוב פאַר׳ן גרויסען שעפער אויסגעגאָסען און גלייך מיט׳ן מאָרגען־שטערן האָט זיך דאָס לויב־געזאַנג אָנגעהויבען:

עס האָבען געזונגען די הימלען די בלויע. עס האָבען געזונגען די פער־געהענדע שטערן.

דער גרויסער הימן האָט זיך פון דער ערד אויפגעהויבען און מיט׳ן הימעל פעראייניגט" —

„מעק אָב פון דיין שטערן דעם גרויסען זינד, וואָס דיינע עלטערן האָבען מיט זייערע קרבנות געבראַכט אויף דער ערד...

מיט פלייש און מיט בלוט האָבען זיי געוואָלט דינען זייער נייעם גאָט און מיט זייערע מזבחות האָבען זיי די מוטער־ערד בעלעסטיגט...

און ווען ס׳איז צום ערשטען מאָל, אין גאָטס נאָמען, אויפ׳ן ברוסט פון דער מוטער־ערד זונדיגעס בלוט פערגאָסען געוואָרען, איז שוין אַלץ פערביי געווען...

ווען די מוטער־ערד האָט צום ערשטען מאָל בלוט דערשפירט, האָט זי צום הימעל מיט פייער און שטיינער געשפיגען. ס׳איז פינסטער געוואָרען און מיט שוועביל און האָגעל האָט דער הימעל גערעגענט.

טויט־שרעק און קרעכצען האָבען דעם גאַנצען רוים אָנגעפילט...

ס׳האָבען זיך די בוימער פאַר פחד געקליבען און געטוליעט איינער צום אַנדערען און אויף אייביג זענען זיי אין וועלדער פערבליבען.

און אין די וועלדער זענען די פויגלען פערפלויגען... ס׳זענען דעם אָדלער פאַר שרעק נעגעל אויסגעוואַקסען — בלוט האָט פערגאָסען דעם לייב זיינע אויגען... — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — פאַר אַנגסט און יסורים האָט זיך די ערד אויפגע־דרעהט און אײַנגעשרומפּען און בעדעקט געוואָרען אויף אײביג מיט באַרג און מיט טאָל" — — — — — — — — — — — — — — —

כ.

— — — דורך מײַן האַרצען ציהען קלאַנגען פון אַ גאַנץ אַלטען ליעד. די קלאַנגען זענען געהאַנגען און געציטערט איבער מײַן וויג־בעט... זיי האָבען צו מיר דאַן געוואונקען און דערצעהלט, אַז אין וועג וועל איך מײַנע טעג, מײַנע נעכט פערבּרענגען...

מײַן ביטערער מזל האָט מיך צו יונג פון מײַן וויג אַרויסגעריסען, נאָך אײדער כ'האָב פערשטאַנען דעם בעדײַט פון אַזוינע קלאַנגען...

מיט יעדען מענשען־קינד וואַרט זײַן מלאך געבאָרען און דער מלאך וואַקסט אין אײנעם מיט זײַן פּאָר. מײַן מלאך, מײַן בעגלײטער איז אַ זינגער געוועזען און זינגענדיג האָט ער מיר דאָס שלימסטע, דאָס ביטערסטע פערטרויט.

זײַן געזאַנג איז בלויז האַרמאָניען געוועזען און אין יעדען קלאַנג האָט ער אַ טראָפּען גיפט געטריפט...

מײַן מלאך האָט זינגען געקאָנט און זײַנע ליעדער האָב איך בעצוואונגען נאָך אײדער כ'האָב זײער בעדײַט געוואוסט — — — — — — — — —

— — — — — — איך דערקען דאָס אַלטע ליעד!

עס האָט זיך מיט מײַן יוגענד אין אײנעם געוועבט און אין איהם שפּיגעלט זיך אָב מײַן גאַנצע קינדהײט...

מײַן געוויין האָט זיך אויך אין געזאַנג פערוואַנדעלט....

דאַרום איז מיר וויינען אַזוי פרעמד...
דאַרום זענען מיר טרערען אַזוי ווידריג — — — —
— דאַרום איז מיר לאַכען אַזוי שווער — — —
דאַרום הער איך אין יענעמס לאַכען גסיסה־קלאַנגען — —
— און אין מיין לאַכען? — — — — — —
אַך, איך לאַך דאָך קיין מאָל ניט... קיין מאָל ניט — — — — —

כא

איך שטעה אויפ'ן מיטען וועג — — —
איבער מיר, אין רעכטען מיטען הימעל ברענט די זון גלוט רויט און שטראָמען פייער פלייצען פון איהר, גיסען זיך איבער מיין קאָפּ. שלאָגען זיך גלייך אין מיין האַרצען אַריין. זיי פאַלען אויף די פליגלען פון מיין נשמה, און שטום, און שטיל צינדען זיך אָן אַרום מיר די ווילדע גיהנום־פלאַמען — — —
וואָס בעדייט אָבער די טויטע שטילקייט, וואָס הערשט אַרום מיר?———
די ערד אונטער מיינע פיס האָט דעם אָטעם אַיינגעהאַלטען. נאָר כ'שפיר, ווי ס'רעגט זיך דער פייער אין איהר טיפעניש... אַלץ קוקט צו מיר. פון אַלע זייטען פאַלען אויף מיר שטומע בליקען, און כ'ווייס ניט, וואוהין כ'זאָל מיינע אויגען ווענדען... וואוהין כ'זאָל מיין גאַנצען וועזען אָבקעהרען...
די שטומע בליקען ווערען שווערער. זיי בעלעסטיגען מיך. זיי נידערען ווי שאַרפע שפיזען אין מיין לייב אַריין. —
זאָל איך מיינע אויגען פערמאַכען?... זאָל איך מיינע אויגען פון זייער בעהעלטעניש אַרויסרייסען און פערשליידערען פון זיך?...

זאָל איך מיין האַרץ צערייסען און מיט מיינע פיס זיינע שטיקער צעטרעטען?....

שטיל — — — שטיל — — — שטיל — — — —

*

וואַרט עס ניט די גאַנצע נאַטור אָנגעשטרענגט, איך זאָל פאַר איהר מיין ביטער האַרץ אויסגיסען?...

וואַרט עס ניט די זון איבער מיין קאָפּ — זי וויל דעם וואַנדערער אויסהערען?...

אונרוהיגע שטילקייט! —

מיר צושפּרינגט מיין האַרץ אויף שטיקער!.. איך שפּיר דעם גרויסען סוד, וואָס די נאַטור טראָגט אין איהר טיפעניש און פאָרכט איהם אויסצודערצעהלען... זי קען איהם מעהר ניט איינהאַלטען —

באַלד וועט אַ שטורעם אויסברעכען, און אַלץ וועט אין שטורעם אויסדערצעהלט ווערען — — —

די נאַטור וועט איהר סוד אויסווייזען — — און אפשר וועט זיך גאָר אַ קללה פון איהר ברוסט אַרויסרייסען:

„פערגליווערט זאָל ווערען דאָס גאַנצע לעבען!"...

שטיל — — — שטיל — — — שטיל — — —

ווי זאָל איך דעם גרויזאמען סוד פערנעהמען?...

איך וועל די אונרוהיגע שטילקייט שטערען —

הערט! — — — הערט! — — — הערט! — — —

זאָל מיין שטים געשליידערט ווערען פון באַרג צו באַרג, פון טאָל צו טאָל, און קיין רוה ניט געפינען...

זאָל מײן שטים צושלאָגען װערען, װי מײן האַרץ, אָן די שפּיצען פון די האַרטע פעלזען — — —

זאָל מײן שטים פערלענדט װערען אין לופטען, װי די פלאַמען, װאָס רײסען זיך װילד פון ברענענדיגען באַרג אַרױס — — — — —

איך װעל רופען — — —

הערט, איהר הימעל און ערד, באַרג און טאָל!... הערט, איהר בױמער׳ בלומען, שטערען און װאַסער!... מײן װעהטאָג איז אַײערער.

— אײערע שמערצען זענען מײנע...

כ׳טראָג אין האַרצען דעם שװערען, ביטערען סוד, װאָס נאָגט און פרעסט אײך אַלעמען אַרום מיר....

זאָל אַ שטורם אױסברעכען — װעל איך אין איהם פערלענדט װערען — — —

װעט אַ קללה אױסברעכען — װעל איך איהר בעשײד זײן...

װעט זיך אַ זודיגער שטראָם טרערען פון הױכען הימעל אַרױסרײסען — דאַן װעט מײן האַרץ אױך מיט אײך װײנען און פערגעהן מיט אײך אינאײנעם אױף אײביג... אױף אײביג... — — — —

און צום לעצטען װעט די זון פאַר שמערצען שװאַרץ װערען, זי װעט זיך מיט גבורה פון הימעל אַרױסרײסען און שלײדערן זיך אין פינסטערען העל אַרײן... — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — ס׳האָט דער גרױסער װעלט־שעפער אָן זײנע קינדער פערגעסען און אַלץ אױף הפקר געלאָזען... און אַלץ אַרום בענקט און פערגעהט... רײסט זיך און פערבליהט — ט׳קאָן אָהן פאָטערס ברכה ניט לעבען...

ס׳געהט אױף די זון; בלאַנדזשעט דורך דעם הימעל, װאַרפט בליקען, פײער־בליקען אױף אַלע זײטען, זוכט איהר פאָטער אין אַלע װינקעלעך — און

פערגעהט — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — בעווייזט זיך די לבנה, בעגלייט פון איהרע שטערען־קינדער; זוכט און בעגעהרט איהר פאָטער צו זעהן; זוכט אין דער פינסטערער נאַכט אַרום...

געהט ווידער אויף די זון, די לבנה מיט די שטערען ווערען בלאַס פאַר שמערצען, און פערגעהען — — — — — — — — — — —

— — — — — — ס׳בליהט אויף בוים און בלום, ציהען זיך, ווינקען קינדיש צום הימעל אַרויף; ציהען זייערע צווייגען אויף אַלע זייטען און לעכצען: ס׳איז זיי אָהן פאָטער ענג... ווערען זיי מיעד בענקענדיג און פערוועלקען —

— — — — — — ס׳פליסט דאָס וואַסער צווישען די בערג, איילט און רייסט זיך און ווייס קיין רוה ניט; שטראָמט צום ים, צו דער מאַמען אויפ׳ן ברוסט דעם פאָטער צו געפינען...

און ווערט אָהן שפור פערשוואונדען — — — — — — — — — —

— — — — — — עס רעגט זיך דער גאַנצער ים פאַר וועהטאָג. ער שיקט זיינע כוואַליעס אויף אַלע זייטען אויסקוקען דעם ערשטען שעפער, וואָס האָט לעבען געגעבען, וואָס האָט אַ האַרץ געגעבען...

אומזיסט, זיי קערען זיך צוריק ניט אום — — — — — — —

— — — — — — ס׳רייסט זיך דער שטורעם אַרויס פון צווישען די פעלזען: ס׳האָט זיך איהם זיין פאָטער גע׳חלומ׳ט. ער טראָגט זיך דורך מיט יאָמער איבער דער גאַנצער ערד, פייפט מיט שפאָט און גאַל צום הימעל.

און פערבאָרגט זיך פאַר וועהטאָג, פאַר צאָרן צוריק אין פינסטערן העל — — — — — — — —

שטיל — — — — שטיל — — — — שטיל — — — —

— — — זאָל די שטילקייט צושטערט ווערען!

הימעל און ערד, וואַסער און שטערען!
זאָל זיך אונזער רופען טראָגען פון וועלט צו וועלט, פון אייביגקייט ביז אייביגקייט:
„וועה צו די קינדער, וועמען דער פאָטער האָט פערלאָזען!...
און וועה צו דעם פאָטער, וואָס האָט זיינע קינדער פערוואָרפען! — — — —
וועה צו דעם פאָטער, וואָס האָט זיינע קינדער פערגעסען!״ — — — — —

כב.

מיר טרוימט:
מיין לאַנגער און שווערער וועג איז פאַרביי, און ווידער האָב איך מיין היים געפונען...
ווידער דערקען איך מיינע בעקאַנטע גרינע לאָנקעס, און איבער זיי לאָזען זיך זיכער אַראָב די ברעגען פון אַלע הימלען...
ס׳איז פאַרנאַכט. די זון נידערט אַראָב צו מערב־זייט. און איבער דער זון וואַכען וואָלקען, געשטרייפט אין פורפור־בענדער. אויפ׳ן האָריזאָנט שטעהען בוימער, פערכאַפט אין אַ נעץ פון הייליגער פאָרכט, און זיי ציהען זיך מיט זייערע צווייגען צו דער פערגעהענדער זון:
זיי ווילען מיט איהר אינאיינעם פערגעהן...
ווידער דערקען איך מיין טייכעל. עס שלענגעלט זיך, ווי אַמאָל, צווישען זיינע בעגרינטע ברעגעס. די צייט האָט איהם ניט פערעלטערט, און זיין לעבען און לוסט איז נאָך שטאַרקער געוואָרען...

וואו ניט וואו האָט עס זיך פערברייטערט: מיט געוואַלד פונאַנדער־געדרוקט די ברעגעס, און זיין קול איז נאָך הילכיגער געוואָרען...

וואו איז אָבער די פערוויינטע ווערבע, וואָס איז געשטאַנען איבערגעבויגען איבער׳ן טייכעל ?... און דער פויגעל־נעסט, וואָס איז צווישען איהרע צווייגען געווען? — — — — — — — איידער כ׳האָב זיך אין וועג אַריין געלאָזען, איז דער נעסט נאָך אין בויען געשטאַנען...

ניטאָ דער בוים. ניטאָ דער נעסט...

אויפ׳ן אָרט פון דער פערוויינטער ווערבע איז נאָך אַ טאָל צו דערקענען: דער ווינט האָט איהר מיט די וואָרצלען אויסגעקערט...

איהר אָרט איז מיט גראָז פערוואַקסען...

וואו איז אָבער דער נעסט אַהינגעקומען?...

וואוהין זענען די פויגעל פערפלויגען?...

בלאָנדזשען זיי אויך אום, זינט דער ווינט האָט זייער נעסט צופיהרט?... — — — — — — — — דערנידערט שטעהט מיין היים. דאָס הייזעל אין אַ זייט געבויגען. דורך די פענסטער קוקט אַרויס אַ עלענדע לערקייט.

ס׳רוישט דאָס וואַסער אונטער די מיל־רעדער... נאָר זיי, די רעדער, דרעהען זיך ניט. זיי וואַרטען אויף זייער אַלטען מייסטער, ער זאָל זיי אַ בעפעהל געבען. זייער מייסטער אָבער ליגט שוין לאַנג אין דער ערד בעהאַלטען, נאָר זיין נשמה קומט זיך באָדען אין שטראָם, וואָס רייסט זיך פון אונטער די מיל־רעדער אַרויס...

און ווי אַמאָל רוישט דאָס וואַסער אונטער די רעדער...

עס רוישט ניט, נאָר עס שרייט, עס בייזערט זיך. אַ שוים טרעט אַרויס פאַר צאָרן אויף זיין פנים. מען האָט איהם זיין וועג פערשטעלט...

מען לאָזט איהם ניט פריי אויפ׳ן וועג צום ברייטען ים אַרויס... — — —

כג.

מיר טרוימט:

די נאַכט האָט זיך אַראָבגעלאָזען. אין טונקעל־בלויען הימעל האָבען זיך שטערען בעוויזען און לייכטען אַליין פאַר זיך.

איך שטעה פאַר מיין אײַנגעבויגענער היים און פאַרכט מיר די טיר אויפצועפענען...

איך קוק אין די פינסטערע פענסטער און וואַרט, אימיצער זאָל דאָרט ליכט אָנצינדען...

דאָס וואַסער אונטער די מיל־רעדער רוישט אַלץ און לאַרעמט...

נאָר איצטער פערנעהם איך מיט'ן געהויש פון וואַסער ווערטער — ווי זיי וואָלטען זיך פון אַ פערשלאָגענער ברוסט אַרויסגעריסען:

„קום מיט מיר, מיין קינד... וואַרף דיין אַלטען וועג... מיט כח וועלען מיר ברעכען... אַלץ אויף אונזער וועג... דורך אַלץ וועט זיין אַ וועג... אין ברייטען לעבען אַריין".... — — — — —

*

איך קוק מיט אָנגעשטרענגטע אויגען אין די פינסטערע פענסטער, און מיר דוכט זיך;

די צוויי קליינע פענסטערלעך האָבען זיך אין אַ פּאָר מעכטיגע, שוואַרצע, טיף־שוואַרצע אויגען פערוואַנדעלט... און פון די אויגען קוקט אַרויס אַ שטומער אומעט און טיפער טרויער... די אויגען בעטען ביי מיר רחמים און זיי פערכאַפּען מיך אין אַ גרויסען טונקעלען נעץ.

מיין האַרץ הויבט אָן שטילער צו קלאַפּען — און עס ווערט אַלץ ברייטער און ברייטער.

כ׳שפּיר:

דינע פינגער — מוטערליכע פינגער, געזאַלבטע מיט בשמים און שמערצען, גלעטען מיך איבער מיין האַרץ, און מיין האַרץ קלאַפּט אַלץ שטילער און שטילער... איך ווער אינגאַנצען אין גוואַלדיגען טרויער־ים דערטרונקען... מיין נשמה אַמפּערט זיך, איהרע פליגלען פאָכען איבער דעם גרויסען ים פון טרויער... — — — — — — — — — — — —

— — — — — — כ׳וויל, מיין ביטערער טרויער־טרוים זאָל דויערן, אונענדליך דויערן.... נאָר די ווערטער רוישען פון וואַסער אַרויס און וועקען מיך, כ׳זאָל ניט טרוימען; כ׳זאָל אויפוואַכען...

— — — — און כ׳בין וואַך:

ס׳הערשט די גרויסע נאַכט אַרום, און פון דער נאַכט אַרויס ווינקט צו מיר מיין לאַנגער, אונענדליך לאַנגער וועג...

כד.

מיר האָט געטרוימט:

אויפ׳ן שייד־וועג בין איך געזעסען און געוואַרט, ביז די זון וועט אויפגעהן...

בלייכער און בלייכער זענען געוואָרען די שטערען... אַ צאַרטער גרויער פליגעל האָט געוועהט אין לופטען, און פון פליגעל האָבען זיך געשאָטען און

געפּאָכעט בלאַסע בענדער, און די גאַנצע פינסטערניש איז אַליין פון זיך פער־שוואונדען...

די פינסטערניש איז אינ׳ם בלאַסען שיין פערשלונגען געוואָרען...

בלייכער און בלייכער זענען געוואָרען די שטערען — אין דעם הימעל זענען זיי איינציגוויז פערשוואונדען... דער הימעל האָט זיי צוריק אין זיין טיפעניש אַריינגענומען...

נאָר איינער, דער מאָרגענשטערן איז אויפסניי געבאָרען געוואָרען; נייע כחות אָנגעקליבען. ער האָט אויף אַלע זייטען שטראַהלען געוואָרפען, געוואונקען:

„די זון וועט באַלד אויפגעהן״!...

אַ לאַנגער, דורכזיכטיג־ווייסער וואָלקען, וואָס האָט נאָך פון דער נאַכט גערוהט, געדרעמעלט איבער׳ן מזרח־האָריזאָנט — האָט פּלוצלינג אָנגעהויבען ראָז צו ווערען — און ער האָט זיך אינגאַנצען גענומען טרינקען אינ׳ם גרויסען שטראָם פון מאָרגען־ליכט...

און דאָס מאָרגען־ליכט איז דאָס מאָל ווייכער און זאַנפטער, ווי שטענדיג, געוועזען... ס׳האָט ניט געברענט, נאָר געגלעט...

און דער וואָלקען האָט זיך ניט אָנגעצונדען — נאָר אַליין האָט ער זיך פערוואַנדעלט אין אַ צאַרטען, דורכזיכטיגען, אויף ראָז געפאַרבטען שניי...

אַ קינדיש־ראָזער שמייכעל האָט זיך אויסגעגאָסען אויף דעם גאַנצען מזרח, און פון דאָרט האָט זיך דער פריהמאָרגען־שמייכעל צושפּרייט און בע־פלייצט אַלץ, וואָס אונטער׳ן הימעל און אין הימעל... — — — — —

אין רעכטען מזרח האָבען זיך די אונטערשטע ברעגען פון הימעל פונאַנ־דערגעצויגען, און פרעהליכער און צאַרטער, ווי שטענדיג, אונטערטאַנצענדיג, האָט זיך די זון בעוויזען און אַלץ העכער אַרויסגעשוואומען.

און פון ביידע זייטען זון, ביי איהרע ראַנדען, האָבען זי פעסט אַ פּאָר הענט געהאַלטען...

דיינע הענט האָב איך דערקענט!

און ווען די זון האָט זיך גענומען אָבטיילען פון האָריזאָנט, האָבען זיך אונטער איהר דיינע לאָקען — דורכזיכטיגע, ליכטיגע שטראַהלען — בעוויזען.

און דיינע הענט האַלטען פעסט פון ביידע זייטען די ראַנדען פון דער זון, און דער אונטערשטער ברעג פון דער זון איז אויף דיין קאָפּ אָנגע־שפּאַרט...

און דיין קאָפּ ערהויבט זיך אַלץ שטאָלצער און מעכטיגער אַרויס פון אונטער דער ערד... אָט איז שוין דיין האַלז... דיינע אַקסלען... אָט איז שוין דער גאַנצער ליכטיגער קערפּער.

און דיין לייב האָט זיך אין אַ שטיק מאָרגען־הימעל פערוואַנדעלט...

די זון האָט אַלץ העכער געשטיגען, ביז דיינע טריט האָבען זיך שוין אויפ׳ן האָריזאָנט בעמערקט: ביזט אויף די שפּיצען פינגער געשטאַנען און האָסט געוואָלט אַלץ העכער די זון אויפהויבען — — — — — — — — — —

— — — און דיינע אויגען...

דיינע אויגען, וואָס עס האָט אין זיי געברענט דאָס ליכט פון אַלע וועלטען, האָבען צו מיר געקוקט.

זיי האָבען צו מיר געשמייכעלט...

אין דיינע אויגען איז געלעגען דער גליקליכער אויגענבליק פון אַלע וועלטען, פון אַלע בעשעפענישען אויף דער ערד, ווען זיי טרוימען אַמאָל, און זייער טרוים איז ל י כ ט....

פון דיינע אויגען האָט אַרויסגעוואונקען דער גרויסער וועלט־שעפער; אין

זיין פנים האָט געדוהט דער גליקליכער שמייכעל; וואָס ציטערט אין לופטען ביי יעדען זונאויפגאַנג...

מיך האָבען די שטראַהלען אַרומגענומען און אַרומגעשפּונען פון אַלע זייטען.... איך בין אין אַ הייליגען פריהמאָרגען-נעץ געפאַנגען געוואָרען, און כ׳האָב געשפּירט:

פערבאָרגענע הענט נעהמען שטיל צונויף די בר׳עגען פון נעץ און הויבען מיך פון מיין אָרט אויף... רייסען מיך אָב פון דער ערד און טראָגען מיך צום העלען מזרח, צום זונאויפגאַנג...

דו ביזט שטעהן געבליבען אויפ׳ן האָריזאָנט, טראָגענדיג אויפ׳ן קאָפּ דאָס ליכט פון אַלע וועלטען און גאַנצען לעבען, און האָסט געוואַרט אויף מיין קומען...

און ווען די פערבאָרגענע האַנט האָט מיך צו דיר געבראַכט, האָסטו די זון אַיינגעלאָזען און מיך אין דיינע אָרעמס אַריינגעכאַפּט — — — — — — — — — — — — — — — — — — איך האָב מיין קאָפּ, מיין עלענדען, פערבאָרגען אויף דיין ברוסט און כ׳האָב געשפּירט — דיין ברוסט האָט, ווי דאַן, געציטערט... דיינע אָרעמס האָבען מיך אַלץ פעסטער געדריקט צו זיך און כ׳האָב געשפּירט:

די זון האָסטו אָבגעלאָזען!...

די זון האָט זיך אַרויסגעשלייכט און דערווייטערט זיך, דערווייטערט זיך פון אונז — — — — —

כ׳האָב מיין קאָפּ אויף דיין ברוסט פערבאָרגען — נאָר כ׳האָב געשפּירט מיט אַלע מיינע גלידער, מיט מיין גאַנצען וועזען:

ס׳ווערט פינסטער אַרום אונז...

הינטער אונזערע פּלייצעס שוועבט און טראָגט זיך אַ שפּאָט-שמייכעל...

עֶס וועֶבט זיך אַרום אונז אַ נעץ פון שאָטען, פון נאַכט־פעדים... פער־באָרגענע הענט וואַרפען אונז ביידען אין נעץ אַריין און טראָגען אונז אַוועק פון האָריזאָנט — — — — — — — — — — —

איך פאָרכט מיר צו עפענען מיינע אויגען...

איך פאָרכט מיר אָבצורייסען מיין קאָפּ פון דיין ברוסט... אויף מיר פאַלט אַנ׳אימה אָן. איך ווער אין פאָרכט אַיינגעהילט — — מיין האַרץ וויל צוריסען ווערען... אַ פערבאָרגענער געפיהל רייסט מיך, וועקט מיך, איך זאָל אויפוואַכען, איך זאָל אויפוואַכען — — און כ׳האָב אויפגעוואַכט — — — — —

— — — ס׳הערשט ווי פריהער די גרויסע נאַכט, און פון דער נאַכט אַרויס ווינקט צו מיר מיין לאַנגער, אונענדליך לאַנגער וועג...

כה.

מיר האָט געטרוימט אַ שוידערהאַפטער הערבסט —

מיט אַ געלבען, קאַלטען פנים איז די זון פערזונקען צווישען אַ מחנה פוילע וואָלקענס...

איבער דער ערד האָט זיך דורכגעטראָגען אַ פייכטער פליגעל, און פון אַלע זייטען האָבען גענומען שפּראָצען געלבע גרויע נעבלען...

הימעל און ערד האָבען זיך געצויגען איינער צום אנדערען און מיט אַ בלייערנער פוילקייט געוואָלט זיך צוזאַמענגיסען...

אַלץ אַרום האָט געקניעט אונטער דער שווערער, פייכטער לאַסט. אַלץ אַרום איז צונויפגעפּרעסט געוואָרען; דער אָטעם פערשלאָגען פאַר אַנגסט און אומעט...

דער אומעט איז געוואַקסען און שווערער געוואָרען, און מען האָט איהם געקענט מיט אַלע גלידער, מיט אַלע חושים פּיהלען...

בוים און וועג, שטיין און דאָרן — אַלץ האָט דער נעבעל פערשלונגען — — — — — —

נאַכט איז געוואָרען — — — —
און די נאַכט זעהט אויך אויס געלב־גרוי...

די פליגלען פון דער מוטער נאַכט הענגען פויל, שלעפּען זיך אויף דער ערד...

פלוצלינג האָט גענומען טריפען פון אויבען: קאַלטע, פוילע נויט־שוויס פון עפּיס אַ מעכטיגען שטערן האָבען געטריפט און געפאַלען אויף אַלץ אַרום...

מיט קאַלטע נויט־שוויס האָט זיך די גאַנצע נאַטור בעגאָסען און געוואונקען — מען זאָל פון איהר האַרצען די שווערע לאַסט אַראָבנעהמען —

פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ געראָודער פון פליגלען. פויל האָבען זיך די נעבלען גענומען בעוועגען, קעהרען און זיך צוזאַמען־מישען... כ׳האָב אָנגעשטרענגט מיינע בליקען, און כ׳האָב גאָר ניט געקענט מערקען.

דער פליגעל־געראָודער איז אַלץ נעהענטער געוואָרען. כ׳האָב שוין געשפּירט, אַ ווינט האָט זיך פאַרביי מיין פּנים דורכגעטראָגען... און אין דעם נעבעל האָבען זיך בעוויזען פלעקען, געלע פייער־פלעקען — — —

די פלעקען זענען אַלץ נעהענטער געוואָרען, קלערער געוואָרען, און כ׳האָב שוין געקענט מערקען די ליכט — פון וואַנען דאָס פייער האָט זיך אָנגעהויבען — — —

— מיין האַרץ האָט זיך אינגאַנצען אויף איין אויגענבליק אָבגעשטעלט...
כ׳האָב מיין אייגענעם איך פערלאָרען — — — — — — — — — — —
— — — און כ׳זעה: — — — —

טרוקענע הענט, הענט אָהן קערפּער, האַלטען פעסט פּאַר שטאַנגען, אויף וועלכע ס׳ליגט אַנ׳אָפּענער אָרון.

און אינ׳ם אָרון דערקען איך דיך ליגענדיג... מיעד איז דיין פּנים, מיעד — — — — און אויף דיין שטערן רוהט דער קאַלטער יאוש...

די אויגען אָפּען און, שטאַרע און קאַלטע, בליקען זיי צו מיר און זאָגען גאָר ניט... גאָר ניט...

די ליפּען זענען פעסט צווישען די ציינער פערדריקט פאַר טיפע שמערצען און גרויסען פּיין... טרוקענע הענט האַלטען איבער דיר געלע ליכט און בעלייכטען מיט געלע, מיעדע פלאַמען דיין מיעדען פּנים... —

לאַנגזאַם דערווייטערט זיך פון מיר די שוידערהאַפטע לויה, נאָר דיין געזיכט, מערק איך, ווענדט זיך אום, און דיינע שטאַרע קאַלטע אויגען קוקען מיך אָן און זאָגען גאָר ניט, גאָר ניט...

איך שטעה אונבעוועגליך און קוק אָנגעשטרענגט אין דער זייט, וואו אין פוילע נעבלען ווערט די לויה פערשוואונדען. נאָר דיינע שטאַרע, קאַלטע אויגען בלייבען נאָך אַ צייט אַרום מיר, און איך מערק זיי — אָבער זיי זאָגען מיר גאָר ניט. גאָר ניט...

און דער עלענד הויבט אָן מיין לייב צו פּרעסען, צו רייסען מיט שאַרפע צוואַנגען.

און די צוואַנגען זענען קאַלט, קאַלט, ווי דער עלענד אַליין...

אַ קעלט לויפט דורך מיינע אָדערן. מיין בלוט קיהלט. ס'לייב ציטערט, ציטערט פאַר קעלט און שמערצען...

אַ ווינט הויבט אָן שטאַרקער צו בלאָזען... איצטער בלאָזט ער שוין פון אַלע זייטען... ס'ווערט אַ בעוועגונג ארום מיר... און איך שטעה פער'כישופ'ט און געשמידט צו מיין אָרט און קען מיט קיין גליד ניט ריהרען — — — — — — — — — — — — — — — דער ווינט ווערט נאָך שטאַרקער, און אַרום מיר מישען זיך די נעבלען...

דער ווינט פערגעהט זיך יאָמערליך. ער רייסט מיך פון אַלע זייטען, און איך קען מיך פון מיין אָרט ניט ריהרען...

מיינע אויגען בלאָנדזשען נאָך אַלץ אין דער זייט, וואו די לויה איז פערשוואונדען געוואָרען, און ווייט, ווייט, אין דער אונענדליכער גרויער, פינסטערער ווייטקייט — זעה איך נאָך אַלץ דיין געזיכט און דיינע אויגען, וואָס זאָגען מיר גאָר ניט... גאָר ניט... — — — — — — — —

די ווינטען אַרום מיר ווערען נאָך ווילדער. זיי יאָמערן ניט — נאָר שרייען, ליאַרימען מיט וואוט... רייסען מיך ביי אַלע גלידער, איך זאָל ניט טרוימען... איך זאָל אויפוואַכען— — — — — — — — — — — — — — — — — — — און כ'בין וואַך

ם'הערשט די גרויסע נאַכט אַרום, און פון דער נאַכט אַרויס ווינקט צו מיר מיין שווערער, אונענדליך לאַנגער וועג — — — — —

כו

וואו ביזטו? — — — — — —

אויף די פליגלען פון דער נאַכט שיק איך דיר מיין אונרוהיגען רופען:
„וואו ביזטו?״ — — — —

איך וויל דיך צו מיין האַרצען דריקען און מיין לאַנגען וועג פערגעסען...

איך וויל אויפסניי געבאָרען ווערען. אין דיינע אָרעמס וויל מיין נשמה אויפלעבען — — — —

וואו ביזטו? — — —

כ׳וויל מיינע שווערע טרוימען פערגעסען — און זעהן אין דיינע אָרעמס אַ ניי לעבען אויף אַ נייער וועלט און נייער ערד...

אין דיינע אָרעמס וויל איך טרוימען פון מיין מאָרגען, וואָס וועט ברענגען רוה צו מיינע אונענדליכע יסורים און פיין....

דער גרויסער גאָט וועט אַ מעכטיגען ווינט בעפוילען, ער זאָל די אַלטע הימלען צופיהרען, און איבער דער ערד וועט זיין האַנט אויסשפּרייטען נייע הימלען, און אין זיי וועט ער אַ נייע זון איינפאַסען, זי זאָל לייכטען צו דער ערד — — —

דער גרויסער גאָט וועט מיט זיין אייביגער האַנט צופיהרען אַלע וועגען, אַלע שטעגען, וואָס דער עלענד האָט פאַר די מענשען־קינדער אויסגעטראָטען —

די מעכטיגע האַנט וועט אויסוואָרצלען אַלע פלאַנצען, וואָס זענען אויסגעוואַקסען ביי די זייטען וועגען דורך די טרערענפון אייביגע מיעדע וואַנדערער — — —

דער גרויסער גאָט וועט מיט זיין האַנט אָנצייכענען אַ נייעם וועג פאַר׳ן מענשענס האַרץ, און דער וועג וועט צו זיין ברודערס האַרץ פיהרען — — —

וואַך אויף! — — —

איך זעה דיך, ליגסט ערגיץ פערוואָרפען צווישען די וועגען, און דיינע מידע אויגען בלאָנדזשען זוכענדיג אויף רעכטס און אויף לינקס...

זאָל דיך מיין רופען ווידער מונטער מאַכען און דעם וועג צו מיר בעווייזען — — — — — — — — — —

— וואַך אויף! —

זאָלען זיך פון אַלע עקען וועלט ווינטען אויפוועקען און צו דיר מיין רופען פערטראָגען...

אין מיין רופען ליגט מיין מאָרגענדיגער טרוים...

און אין מיין האַרץ — דער וועג צום נייעם לעבען! — — — — — — —

אויף די פליגלען פון ווינט שיק איך דיר מיין רופען:

— וואַך אויף!

ב) צווישען טאג און נאכט.

צווישען טאָג און נאַכט.

זומער פאַרנאַכט.

נאַכט און ים.

ס'איז בלויז אַ חלום געווען.

פייערלאַך.

אין פעלד.

שפּיל דו, שפּיל דו, מלאך מיינער.

צווישען טאָג און נאַכט.

אָװענד־שטימונג.

ס׳איז געװען אין אײנעם פון יענע מעלאַנכאָליש־ראָזע זומער פאַרנאַכטען, װען אַ פרעמד און דאָך נאָהנט געפיהל הױבט אָן דאָס האַרץ צו בעריהרען; װען אַנ׳אונבעקאַנטע האַנט װינקט צו דיר, דו זאָלסט הינטער׳ן שטאָדט אַרױס־געהן דעם טאָג צו בעגלײטען...

אימיצענס טונקעלע אױגען, װאָס אין זײ האָט געשפּילט דער זומער־פאַרנאַכט, האָבען געבלאָנדזשעט אַרום מיר פון אַלע זײטען און געװאונקען:

„הינטער דער שטאָדט זאָלסטו אַרױסגעהן, דאָרט װאַרט אימיצער אױף דיר; שױן לאַנג, דעם גאַנצען זומער, װאַרט דאָרט אימיצער אױף דיר — געה הינטער׳ן שטאָדט אַרױס"...

און איך האָב די שטאָדט פערלאָזען.

אױסמײדענדיג די ברײטע גאַסען, דורך הינטערגעסלעך און זײטיגע שטעגען, האָב איך מיר אַרױסגעקליבען צו אַ פרײ־בערגיגען פּלאַץ, װאָס האָט זיך װײט, װײט ביז צום האָריזאָנט געצױגען. װאו־ניט־װאו זענען אין דער דאָזיגער פרײער װעלט אַלטע, קרומע און שטאַרקע דעמבעס געװאַקסען.

*

די שטאָדט־לײט, װאָס האָבען פאַר זיך און פאַר זײערע הײזער אַ פּלאַץ אין טאָל אױסגעקליבען, האָבען געקענט מײנען, די זון איז שױן לאַנג פער־גאַנגען.

דאָ אויפ׳ן באַרג אָבער האָט זיך נאָך אַלץ אַרום אין ליכט געבאָדען.

אויף די זייטען פון די אַלטע בלעטערדיגע דעמבעס, וואָס זענען געווען צו מערב געווענדעט, האָט געפלייצט דאָס ליכט פון דער שקיעה; פון די בלעטער האָט זיך דאָס ליכט געגאָסען אויף די קרומע צווייגען און פון דאָרט צו דער ערד געפאַלען. די פיעל־שפיציגע בלעטער אויף די דעמבעס האָבען אויסגעזעהן גרין־גאָלדיג און דורכזיכטיג.

מען האָט געקענט מיינען, אַ טייל ליכט־שטראַהלען האָבען זיך פון דער זון אָבגעריסען און ווילען ניט פערגעהן מיט איהר אינאיינעם... די שטראַהלען האָבען זיך דאָ, אין דעם פערוואָרפענעם ווינקעל, בעהאַלטען פון דער זון — האָבען זיך אָבער אָנגעצונדען פון זיי אַלע בוימער, בלומען און גראָזען און ליכטיג געוואָרען. האָט עס די זון בעמערקט און זי ווינקט צו די שטראַהלען, זיי זאָלען זיך צו איהר אומקערען..

און די שטראַהלען פאָלגען:

איינער נאָכ׳ן אַנדערען שלייכען זיי זיך פון די בוימער אַראָב; פערלאָזען די בלעטער, פלאָנטערען זיך אַרויס פון צווישען די גראָזען און געהען נאָך דער זון. און נאָך זייער אַוועקגעהן ווערט טונקעלער אַרום.

די לעצטע, פערשטיפטע שטראַהלען האָבען זיך אויך אין דער מוטער דערמאָנט און זיי לאָזען זיך צו מערב — פערגעהן.

און אַלץ אַרום הויבט זיך אָן פאַרבען אין אַ דורכזיכטיגער בלויקייט.

*

עס הערען זיך שוין שטיל די טריט פון דער נאַכט:

אין מערב־זייט האָט זיך די זון אַראָבגעלאָזען צווישען הימעל און ערד, מיט זיך דעם טאָג פערנומען און דאָרט געוואָלט אָנכאַפּען די נאַכט ביי איהר טונקעלער קלייד — האָט זיך אָבער די נאַכט גאַנץ שנעל אין

מזרח־זייט דורך אַ קליין פענסטערעל אויף דער זייט הימעל אַרויסגעשלייכט און שנעל און פלינק נעהמט זי דורך דעם לאַנגען, טונקעל־בלויען שלייף פון איהר קלייד; זי ציהט די ברעגעס און צעוואַרפט זיי אויף דער ערד אַרום.

די דורכזיכטיגע קלייד פון דער נאַכט פאַלט אין טאָל אויף בוים און גראָז: טונקעל־בלוי ווערט אַרום.

די בלויקייט ווערט טיפער; דו שפירסט זי נעהנטער.

די נאַכט האָט שוין איהר גאַנץ קלייד דורך דעם מזרח־הימעל דורכגענומען און האָט דאָס פענסטערל פערמאַכט. איצטער ווינקט זי צום הימעל, ווינקט אין דער שטיל:

„שטערענדלעך, קינדערלעך, קומט אַרויס, קומט אַרויס. — כ'האָב דאָס טירעלע פערמאַכט, וואו די זון איז אַוועק; קומט אַרויס, קומט אַרויס"...

און די קינדערלעך־שטערענדלעך בעווייזען זיך אין הימעל; ציטערען קינדיש; בעטען זיך צו דער מוטער נאַכט אויפ'ן שויס. מאַכט די נאַכט אַ אַ ברוגז־פנים:

„אויבען זאָלט איהר מיר זיצען... אויבען זאָלט איהר מיר זיצען"...

און די שטערענדלעך ציטערען און בעטען זיך צו דער מוטער־נאַכט אויפ'ן שויס.

*

די נאַכט האָט פונאַנדערגענומען איהרע בלוי־בלויע פליגלען און שאָטענס האָבען זיך אויסגעלעגט אויף דער ערד.

די פליגלען האָבען געפאָכט און געפאָכט און צווישען די בלעטער האָט גענומען רוישען אַ לינד ווינטעלע.

ערגעץ, פון ווייטען, האָט זיך געטראָגען אין לופטען אַ צופרידענער געלעכטער, וואָס איז צום ווידער־קול פון טאָל עהנליך געווען: — —

דאָס האָט געוויס די נאַכט צופרידען געלאַכט, וואָס האָט פון טאָג זיך בעפרייט און זיין אָרט פערנומען. — —

און איך...

אין מיר האָט זיך דאָס האַרץ ווי ביי אַ קינד צעוואָרעמט...

איך האָב זיך אונטער אַ בוים אַראָבגעלאָזען און האָב וויינען געוואָלט.

זומער פאַרנאַכט.

אַ חלום.

כ׳האָב מיך אומגעקערט פון פעלד, וואו כ׳האָב בעגלייט די זון ביי איהר אונטערגאַנג.

כ׳בין געגאַנגען שטיל דורך אַ זייטיג געסעל אוּן גענעהנט זיך צום מאַרק, וואו אין אַ „קאַראַהאַד” זענען געשטאַנען נידעריגע הייזער מיט הויכע בריקלעך און געטוליעט זיך איינס צום אַנדערען.

אַנ׳אונרוהיגע שטילקייט. קיינעם איז ניט צו זעהען, און דאָך איז ניט רוהיג...

אַלץ איז אָנגעשטרענגט פון ערוואַרטונג. איך קום צו ענדע גאַס און בלייב שטעהן. אָט, איז דער קיילעכדיגער מאַרק. אין מיטען — דער קלויסטער, מיט די קופּאָלען, וואָס ווערען אין די הימלען פערפאַלען. די טירען און פענסטער פון די הייזער זענען געשלאָסען און ס׳איז קיין פוס ניט צו מערקען.

און דער גאַנצער מאַרק איז מיט לאַנגע, גלייכע גראָזען בעוואַקסען. אַ ווינטעל לויפט דורך און די גראָזען וויגען זיך:

שוין לאַנג איבער'ן מאַרק קיין פוס ניט געטראָטען און די גראָזען בעוועגען זיך פריי און וואַקסען אַלץ גרעסער און גרעסער...

און אויפ'ן הימעל קומען אָן וואָלקען פון מערב־זייט. שניי־ווייסע וואָלקען מיט ראָזע זוימען און פייערדיגע פרענז:

— דאָס האָבען זיי צו לאַנג אויף דער זון ביי איהר אונטערגאַנג געקוקט...

קומענדיג צו שווימען איבער'ן מאַרק, בלייבען זיי שטעהן און איין וואָלקען וואַרט אויף דעם אַנדערן; נעהמען זיך האַנט ביי האַנט און שטעלען זיך אויס אין איין מחנה, נאָר צווישען זיי קוקען אַרויס שטיקער בלויער הימעל... די וואָלקען זענען הייס און זיי בלאָזען און בלאָזען און ווערען טונקעלער. און אונטען בעוועגען זיך די גראָזען פון דעם ווינט.

... די וואָלקען־שטיקער האָבען זיך שוין אינגאַנצען צוזאַמענגענעהט, ליליען־פאַרביג בעשפריצט, נאָר סטענגעלעך פייער האָבען זיך אַלץ נאָך צווישען זיי געררונצעלט, אָנגעצונדען און פערלאָשען; אָנגעצונדען און פערלאָשען...

... די אַלע וואָלקען־שטיקער האָבען זיך אין איין גרויסען הימעל־געוועב פערוואַנדעלט, און, געקניפּט מיט טונקעל־בלויע און ברוינע שלייפען, לאָזט זיך דאָס געוועב אַלץ נידריגער, נידריגער אַראָב איבער'ן שטעדטעל.

און דאָס גאַנצע שטעדטעל איז אונטער אַ ליליען־בלויע הימעל־חופה שטעהן געבליבען.

און די גראָזען שאָקלען זיך, סוד'ען זיך, נאָר די טירען און פענסטער זענען געשלאָסען.

פלוצלינג האָט געגומען ציהען אַ נעבעל פון אַלע גאַסען און האָט זיך

אין דעם קיילעכדיגען מאַרק אַריינגעגאָסען. דער נעבעל איז אויך ראָזיג־בלוי, ווי די הימעל־חופּה, נאָר לייכט און דורכזיכטיג...

און אין דעם נעבעל פלאַטערן פייערדיגע שמעטערלינגען; בלינקען און בלאַנקען, טראָגען זיך אין לופטען און שטעלען זיך פון צייט צו צייט אָב אויף די גראָזען־שפּיצען און פלאַטערן ווייטער...

אין איינעם פון די מאַרק־הייזער האָט זיך אַ טיר געעפענט.

און אויפ'ן שוועל האָט זיך בעוויזען אַ פרויען־וועזען, שלאַנק און צאַרט געוואַקסען. דאָס געזיכט ווייס־פּערנעבעלט און די אויגען הימעל־בלוי.

געהילט אין אַ פּורפּור־מאַנטעל און אויף איהר קלאָר־ווייסען האַלז און אַקסעל פאַלען איהרע בלאָנדע לאָקען. פון אונטער'ן מאַנטעל זעהען זיך באָרוויסע, צאַרטע פרויען־טריט אַרויס. האַלט אין דער האַנט אַ שניי־ווייסע האַרפּע מיט העל־בלויע ראַנדען און דריקט זי צו איהר ברוסט.

זי בלייבט אַ ווײַלע שטעהן אין טיר, וואַרפט אַרום אַ קינדיש־האַלבצושראָקענעם בליק, און שטיל און שטום, ווי זיך פערטייענדיג, שטייגט זי לאַנגזאַם אַראָב פון די טרעפּלעך פאַר דער טיר.

עס פליהען אָן פייערדיגע שמעטערלינגען און שטעלען זיך אויף איהרע לאָקען, אַקסעל און האַרפּע. און זי אַליין ווערט אין דעם בלוי־ראָזיגען נעבעל פערשלייערט...

פלוצלינג האָט איהר גאַנצער קערפּער אַ ציטער געטאָן. איהר ברוסט האָט זיך ווילד געגומען רעגען אונטער דעם פּורפּור־מאַנטעל; איהר האַרפּע האָט זיך אויסגעגלייכט, די פינגער איהרע האָבען זיך דורגעשלייכט צווישען די סטרונעס, און די סטרונעס האָבען אָנגעפאַנגען צו ציטערן:

דער ערשטער אַקאָרד האָט זיך אַרויסגעריסען און די קלאַנגען זענען צעשוואומען אין לופטען.

ווידער האָט זי ברייט איהרע אויגען געעפענט, אָנגעשטרענגט געקוקט אויף אַלע זייטען — נאָר שטיל איז געווען.

פער׳כישופ׳ט זענען געשטאַנען אַלע הייזער און אין די הייזער איז אַלץ געווען אין אַ שווערען צויבער־טרוים פערזונקען.

זי האָט נאָך שטאַרקער אויפגעציטערט; פאַר איהר אייגענער איינזאַמקייט דערשראָקען. זי וויל אימיצען נעבען זיך זעהן...

איהרע בליקען שוועבען פון הויז צו הויז, פון טיר צו טיר — נאָר די טירען זענען פערשלאָסען... און אויפגערעגטער האָבען איהרע פינגער די סטרונעס געריסען און אַ צווייטער אַקאָרד, שוין אַ ווילדער, האָט די שטילקייט איבערגעריסען...

נאָר באַלד האָט זי זיך אַליין גאָר אינגאַנצען פערלוירען. קינדיש צושראָקען איבער דער האַרפע געבויגען און מיטביידע הענט גענומען וועקען די סטרונעס.

און די קלאַנגען האָבען פון דער האַרפע אַרויסגעקוואָלען; אין איין שטראָם זיך צוזאַמענגעגאָסען...

און די קלאַנגען האָבען געוועקט און גערופען, געוואונקען און געבעטען; צווישען די סטרונעס האָט געלאַכט און געוויינט...

די קלאַנגען האָבען געגלעט און געשטויסען פון זיך, און ווידער אין די אָרעמס אַריינגעכאַפּט...

זי האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר צוזאַמענגעגאָסען מיט דער שניי־ווייסער האַרפע, און די פינגער איהרע האָבען זיך פערבלאָנדזשעט צווישען די סטרונעס — מעהר האָבען זיי זיך שוין ניט געקענט בעפרייען...

די פינגער האָבען צושראָקען געזוכט אַ וועג און געשפרונגען פון איין

סטרונע אויף דער אַנדערער און צוריק אַריינגעפאַלען, און אין דער נעץ פון די קלאַנגען זיך פערלוירען...

אין איינעם פון די הייזער האָט זיך נאָך אַ טיר געעפענט, און אַ פער־ליעבטע פּאָר איז אויפ׳ן שוועל געבליבען. מיט פער׳חלום׳טע געזיכטער, האַלטען זיי זיך האַנט ביי האַנט און קוקען אין גרויסען מאַרק אַריין; קוקען און חלום׳ען... און וואַכען אויף. און געאַרעמט שטייגען זיי פון די טרעפּ אַראָב אין מאַרק אַריין און שווייגענדיג הויבען זיי אָן טאַנצען נאָכ׳ן טאַקט פון די האַרפען־אַקאָרדען...

... און די אויפרעגונג פון דער שפּילעריין ווערט שטאַרקער... איהר גאַנצער וועזען ציטערט און טרייבט די פינגער ווילד איבער די סטרונעס...

הייזער וועקען זיך, טירען עפענען זיך איינס נאָכ׳ן צווייטען און פער־חלום׳טע פּאָרען לאָזען זיך, איינע נאָך דער אַנדערער, אין מאַרק אַריין, טאַנצענדיג.

גרייז־גרויע זיידעס און אייניקלעך, מענער און פרויען, חתנים און כלות — טאַנצען, געאַרעמט, און טאַנצען...

און פייערדיגע שמעטערלינגען פלאַטערן פון צווישען די גראָזען אַרויס און צושטעלען זיך אויף קעפּ און אַקסעל פון די טענצער...

און די פּאָרען ווערען אַלץ מעהר און מעהר. ביז צו די גאַרטלען פער־דעקען זיי די גראָזען, און זיי טאַנצען אַלץ אין „קאַראַהאָד" פאַר די הייזער און — ווערען טאַנצענדיג דערהויבען...

פעסטער, פעסטער די אָרעמס; די הענט שליסען זיך... צוויי פייערען ווערען אין איינס צושמאָלצען... — דאָס טאַנצען געהט איבער אין אַ שוועבען...

די טענצער הויבען זיך און הויבען, און טאַנצען שוין אויף די שפּי־צען פון די גראָזען; אַזוי לייכט — אַז די גראָזען קוים וואָס זיי בּעוועגען זיך...

און אַ שטיל ברומען רייסט זיך אַרויס פון האַרצען ביי די טענצער.

און דאָס ברומען פעראייניגט זיך אינאיינעם מיט די האַרפען־קלאַנגען...

און פּלוצלינג ווערט אַ בעוועגונג צווישען די גראָזען; זיי הויבען אָן זינגען.

און די פייערדיגע שמעטערלינגען פלאַטערן אין לופט און זינגען — —

און די שפּילערין ווערט אַלץ מעהר צווישען די קלאַנגען פערלאָרען...

אַלע איהרע גלידער, איהר גאַנצער וועזען שפּילט און ציטערט, שפּילט און דערהויבט זיך — — — — — —

און די נאַכט האָט איבער אַלץ אַראָבגעלאָזט איהרע טונקעל־בלויע פליגלען...

נ אַ כ ט א ו ן י ם.

איך בין געשטאַנען ביים ברעג ים צווישען די שוואַרצע פעלזען און געקוקט צום גינגאָלדענעם וועג, וואָס די לבנה האָט מיט איהרע שטראַהלען, אויסגעוועבט און אויסגעשפּרייט אויפ׳ן ברוסט פון ים, פונ׳ם מזרח־הימעל ביז צו מיינע פיס.

אַ קיהל זומער־ווינטעלע האָט געבלאָזען פון אַלע זייטען און געוואָלט דעם ים פערשלעפערן; נאָר די ברוסט פון ים האָט זיך אויפגערעגט געוויגט

האַלטענדיג אויף זיך די זומער־נאַכט, און דער שטראַהלען־וועג האָט געצי־טערט און זיך געזונצעלט און זיך איבערגעגאָסען פון גאָלד־ליכט אין זילבער־ליכט.

העכער, איבער'ן שטראַהלען־וועג, ביז צו די אויסגעשטערנטע הימלען, האָט געציטערט אין לופטען אַ זילבערנער שטויב.

און אויפ'ן רעכטען מיטען שטראַהלען־וועג שטעהט אַ לויטערע פרויען־געשטאַלט.

אַ זילבער־שופען־מאַנטעל בלאַנקט אויף איהר, און דער מאַנטעל הילט איהר איין און גרייכט ביז צו איהרע באָרוויס־בלאַסע טריט. אויפ'ן מאַנטעל אַרום זענען צעוואָרפען איהרע שאָטען־טונקעלע און שאָטען־לייכטע לאָקען.

שטאָלץ זעהט איהר גאַנצער וועזען אויס און איהר געזיכט שטראַהלט און ציטערט אין דעם זילבערנעם שטויב, וואָס פילט די לופט אָן.

שוויינענדיג שטעהט זי און ווינקט אַרום זיך מיט איין פינגער. און פון פינגער גיסען זיך גאָלדערנע שטראַהלען און פאַלען צו איהרע באָרפיסע טריט:

דאָס האָט דער ים זיין עלטסטע טאָכטער בעפוילען אויפצורופען אַלע זיינע מיידען, געהן אַנטקעגען די טעכטער פון דער נאַכט, וואָס בעדאַרפען זיך באַלד בעווייזען פון יענער זייט מזרח־הימעל.

און די לויטערע געשטאַלט ווינקט און ווינקט מיט איהר ליכטיגען פינ־גער, אויפ'ן שטראַהלען־וועג שטעהענדיג.

פלוצלינג הויבט אָן דער ים ציטערן און רוישען און פון אַלע זיי־טען הויבען זיך אָן אַרויסצאַפּלען פון דער טיפעניש ים־גייסטער, ים־מיידען.

אונרוהיג איז זייער גאַנצער אויסזעהן. אויף זייער נאַקעט לייב איז

אָנגעוואָרפֿען אַ דורכזיכטיגער שוים־מאַנטעל. און דער שוים איז דורכגעוועבט מיט לבנה־ליכט.

וואַסער־טראָפּען ליכטיגע פֿינקלען אין זייערע גרוי־שוואַרצע לאָקען, פֿינקלען און קייקלען זיך צוריק אין ים אַראָב.

ס'וואַסער ביים שטראַהלען־וועג שוימט זיך און שוימט זיך און פֿון דער טיפֿעניש קומען אַלץ אַרויס נייע ים־גייסטער, שפּרינגען שוועבענדיג אויפֿ'ן וועג אַרויס.

זייערע נאַסע לייבער ציטערן אָהן אויפֿהער פֿאַר אויפֿרעגונג. שפּריצען זיך איינע דער אַנדערער מיט זייערע לאָקען; ווינקען איינע צו דער אַנדערער מיט די אויגען; שפּרינגען איבער פֿון אָרט צו אָרט און די אויגען זייערע בליצען.

און ווען די לעצטע שוועסטער האָט פֿון וואַסער אַרויסגעשוימט און אויפֿ'ן וועג אַרויפֿגעשוועבט, האָט די גאַנצע מחנה אַ ציטער געגעבען און געלאָזט זיך לויפֿען מיט'ן שטראַהלען־וועג צום מזרח־הימעל, בלאַנקענדיג פֿון ווייטען מיט זייערע נאַס־בלאַסע לייבער.

קומענדיג צו מזרח, טיילען זיי זיך אין צוויי שורות איין, נעהמען זיך האַנט ביי האַנט און וואַרטען מיט דער גרעסטער אויפֿרעגונג און אונרוהיגקייט, ווינקענדיג איינע צו דער אַנדערער און קוקענדיג צום מזרח־הימעל.

פּלוצלינג, דאָרט וואו עס ענדיגט זיך דער שטראַהלען־וועג, עפֿענט זיך אַ טויער אויף אין הימעל און עס בעוויזען זיך די טעכטער פֿון דער נאַכט.

איינציגווייז, איינציגווייז, שווייגענדיג קומען זיי פֿון דער אַנדער'ר זייט הימעל אַרויס. שלאַנקע און צאַרטע זענען זיי. שווייגענדיג און רוהיג זעהט זייער גאַנצער וועזען אויס.

אין בלוי־שוואַרצע מאַנטלען זענען זיי געהילט. ביז צו די טריט פֿאַלען

בלוי־שוואַרצע לאָקען און אין די לאָקען ברענען קליינע שטערנדלעך: צינדען זיך אָן און לעשען זיך אויס.

אַ שטילער טרויער רוהט אויף זייערע בלוי־ווייסע געזיכטער און אַ בע־האַלטענע אונרוהיגקייט — אין זייערע אויגען:

ניט צופרידען זענען זיי, וואָס זייער מוטער־נאַכט האָט זיך דעם ווילדען ים איבערגעגעבען.

לאַנגזאַם, בעזאַכט, געהען זיי אויפ'ן וועג אַרויס. ווארפען שטראָף־בליקען צו די וואַסער־מיידען, וואָס מיט נאַקעטע לייבער זענען זיי טאַנצען אַרויסגעקומען.

און לאָזענדיג הינטער זיך די ים־טעכטער, שפּרייזען זיי לאַנגזאַם איינע הינטער דער אַנדערער אין דער לענג פון דעם שטראַהלען־וועג ביז זיי קומען אויפ'ן ברעג אַרויס.

זיי צוגעהען זיך שטיל און שטום אויף אַלע זייטען און יעדערע זוכט פאַר זיך אַנ'אַנדער ווינקעל:

קענען איינע דער אַנדערערס טרויער ניט פערטראָגען.
זיי שפּאַרען זיך אָן אין די פעלזען מיט געזונקענע קעפּ פאַר חרפּה:
די נאַכט האָט זיך דעם ווילדען ים איבערגעגעבען.

און די ים־טעכטער שטעהען נאָך אַלץ אין צוויי שורות און וואַרטען אויף אַ בעפעהל —

נאָר דער ים האָט זיין אָטעם אַיינגעהאַלטען פאַר אויפרעגונג:
מען האָט זיינע טעכטער בעליידיגט, זיינע טעכטער פערשעמט.

שפּירט עס די נאַכט און זי ציטערט אויפ'ן ברוסט פון ים רוהענדיג און זי ווינקט צו איהרע קינדער, זיי זאָלען צוריק אויפ'ן שטראַהלען־וועג

אַרויסקומען טאַנצען מיט די טעכטער פון ים דעם ים צו בערוהיגען; נאָר זיין ז׳צען אָנגעשפּאַרט אין די פעלזען, די קעפּ צו דער ערד געזונקען.

דורך דעם אָפּענעם טויער אין מזרח־הימעל רייסט זיך אַווינט אַרויס, טראָגט זיך דורך איבער׳ן אויבערפלאַך פון וואַסער, ווערט דער ים נאָך וויל־דער און ער ווינקט צו זיינע טעכטער, וואָס שטעהען נאָך אַלץ מיט אַנ׳איינ־געהאַלטענעם אָטעם אויף זיין בעפעהל וואַרטענדיג.

די ים־גייסטער וואַכען אויף צופרידען, לאַכען זיך פונאַנדער און זייער גע־לעכטער מישט זיך אויס מיט׳ן געראויש פון ים.

זיי וואַרפען זיך איינציגווייז אין דער טיפעניש אַריין, בלאַנקענדיג אין לופטען מיט זייערע ווייסע טריט.

דער ים רעגט זיך נאָך שטאַרקער, ער וויל פון זיך דעם שטראַהלען־וועג אַראָבוואַרפען, דער וועג צורייסט זיך, זיין געוועב פלאָנטערט זיך און ווערט אויף אַ ווייליע ווידער גאַנץ.

און צוליב דעם ווילען פון ים ווינקט די נאַכט צום הימעל;

— פינסטערער זאָל ווערען!

וואָלקען קומען פון אַלע זייטען אָן.

די לבנה אײלט און כאַפּט דעם שטראַהלען־וועג פון ים אַראָב און פערבאָרגט זיך אונטער די וואָלקענס.

דער ים רוישט און לאַרעמט, ברומט פאַר אויפרעגונג און צופרידענ־הייט. ער בעפעהלט זיינע כוואַליעס און זיי טראָגען זיך צום ברעג, פלייצען אויף די פעלזען, טרייבען פון דאָרט די טעכטער פון דער נאַכט...

קלייבען זיך די נאַכט־גייסטער שווייגענדיג אַרויף אויף די שפּיצען פון די פעלזען און פערדעקען זייערע געזיכטער מיט זייערע נאַכט־לאָקען — און וויינען אין דער שטיל:

זייער מוטער־נאַכט האָט זיך דעם ווילדען ים איבערגעגעבען...

ס׳איז בלויז אַ חלום געוועזן...

אַ זומער־פאַר־נאַכט ערגעץ אין אַ שטילען, פער׳כּישופ׳טען געגענד. אָט איז אַ באַרג. גרינע גראָז הילען דעם באַרג איין, און דאָס גראָז איז מיט הימעל־בלויע בלימעלעך געוועבט.

פון באַרג אַרויס וואַקסען און שטעהען אויף דער וואַך שלאַנקע בע־ראָזען און זייערע דינע, גרינע־בלעטערדיגע צווייגען זענען אַראָבגעלאָזען אויף אַלע זייטען.

איבער׳ן באַרג, אין הימעל, שווימט די זון צווישען קלאָרע וואָלקענ־דלעך און זי נידערט אַלץ טיפער: זי קלייבט זיך צו פערגעהן — און דאָס ליכט איהרס גיסט זיך אויף אַלץ אַרום; פאַלען די שטראַהלען פון דער זון איבער די קעפּ פון די בעלאָקטע בעראָזען, ווערען די גרינע בלעטער ליכט, און דורכזיכטיג און די פראָסט־ווייסע שטאַמען — ראָז ווי די הויט פון יונגע קינדער.

פון די צווייגען גיסט זיך דאָס ליכט אויפ׳ן גראָז; און צינדט זיך אַ בלימעלע אָן, לויכט עס און ווינקט צו זיינע בלומען־ברידערלעך אויף אַלע זייטען.

און אויפ׳ן שפּיץ באַרג שטעהען צוויי מלאכים, ווייסע מלאכים. זילבער־לאָקען דורכגעוועבט מיט זונען־שטראַהלען דעקען זייערע קעפּ צו און פאַלען ביז איבער די אַקסלען אַראָב. אַ קינדערשער ערנסט רוהט אויף זייערע גע־זיכטער און אַ פער׳חלום׳טער שמייכעל שוועבט אַרום די ליפּען. און אין זייערע

הימעל־בלויע אויגען שפילט דער פייער פון דעם זונען־אונטערגאַנג.

איין מלאך שטעהט, לייכט איבער זיין האַרפע געבויגען, און פון צייט צו צייט בעוועגען זיינע ליכטיגע, דורכזיכטיגע פינגער די סטרונעס און מע־לאַנכאָלישע, אומעטיגע קלאַנגען פליסען פון צווישען די סטרונעס אַרויס.

און ווען דער ערשטער מלאך שפילט, וואַרפט דער צווייטער בלומען איינציגווייז:

ער נעהמט די בלומען פון אַ קאָרב אַרויס, וואָס איז פון פרישע גרינע הדסים געפלאָכטען, און ער וואַרפט זיי שטיל צו די פיס פון דעם ערשטען מלאך. און ווען ער האָט די לעצטע בלום פון קאָרב אַרויסגעוואָרפען, האָט זיך ביי דעם ערשטען מלאך די האַרפע פון האַנט אַרויסגעגליטשט און נעבען זיינע פיס געפאַלען. אַ ווייליע בלייבען זיי ביידע שטעהן, ווי פערצווייפעלט.

און ווען די זון האָט זיך נידעריגער אַראָבגעלאָזען און אויף זיי פון אַלע זייטען מיט ליכט געפלייצט, האָבען זיי זיך אויף אַ ווייליע אין צוויי פייערדיגע אונבעוועגליכע געשטאַלטען פערוואַנדעלט.

און ווען די זון האָט גענומען איינגאַנצען הינטער'ן באַרג אַראָבנידערן, האָבען זיך די צוויי לויטערע מלאכים אינאיינעם מיט אַלע ליכט־שטראַהלען צוזאַמענגעגאָסען, אינאיינעם מיט אַלע זונענשטראַהלען האָבען זיי זיך געלאָזען נאָך דער זון און מיט איהר אינאיינעם פערגאַנגען...

אינאיינעם מיט דער זון זענען זיי פערגאַנגען, און אויף זייער אָרט זענען געבליבען שטעהן צוויי בלאַס־ווייסע בעראָזען און אויף אַ צווייג איז איינזאַם אַ ווייסע האַרפע געהאַנגען...

פלוצלינג האָבען זיך פון ערגעץ עטליכע פערשפעטיגטע שטראַהלען אַרויסגעשלייכט; פון צווישען די גרינע צווייגען האָבען זיי זיך אַרויסגעשלייכט און אויף די האַרפען־סטרונעס געפאַלען:

די סטרונעס האָבען אַליין פון זיך שפּילען אָנגעהויבען.

און דאָס שפּילען האָט מיט טרויער געקלונגען; מיט עלענד איז יעדער קלאַנג געווען דורכגעוועבט.

און וואָס מעהר טונקעלער ס'איז אַרום געוואָר'ען, האָבען די האַרפּען־קלאַנגען אַלץ טרויעריגער געציטערט...

פּלוצלינג האָט זיך פון ערגעץ אַ ווינטעל דורכגעטראָגען און צווישען די בוימער און גראָזען איז אַ לייכטע בעוועגונג געוואָרען.

און דער ווינט האָט זיך אַליין צווישען די האַרפּען־סטרונעס פערקליבען און די קלאַנגען זענען שטאַרקער געוואָרען, ברייטער געוואָרען, און זיי האָבען אָנגעהויבען דעם גאַנצען רוים אָנצופילען:

מען האָט געקענט מיינען, אַז אויף אַלע בוימער זענען סטרונעס אָנגעצויגען און אויף אַלע סטרונעס שפּילען געהיימניספולע פינגער פון אונבעמערקטע גייסטער...

און אַרום ווערט אַלץ פינסטערער און פינסטערער. יעדער בוים ווערט מיט אַ טונקעל־בלויען שאָטען פערשלייערט.

אַ פּחד כאַפּט די בוימער אָן און איין בוים צום אַנדער'ען הויבט זיך אָן ציהען מיט זיינע זאַפטיגע צווייגען:

זיי, די בוימער, ווילען זיך אינאיינעם גיסען, דער פּחד זאָל זיי נישט פערכאַפּען...

פּלוצלינג טראָגט זיך אַ קלאַנג פון אַ קירכען־גלאָק פון שפּיץ באַרג אַראָב, און אַ צווייטער ווידערקלאַנג ענטפערט איהם פון טאָל אַרויס. באַלד עטפערען פון אַלע זייטען אַרום נייע קלאַנגען און ווידער'קלאַנגען.

און די קירכען־קלאַנגען שאַלען און דאָס שאַלען איז טרויעריג, שמערצליך אונרוהיג...

די קלאַנגען ווערען וואָס ווייטער אַלץ מעכטיגער און מעכטיגער. זיי ווערען אָפטער, ווי פון אַ בייזער האַנט געטריבען, און איך שפיר, ווי די ערד הויבט אָן צו ציטערן אונטער מיינע פיס, און בוימער בויגען זיך אונטער'ן קלאַנגען-לאַסט...

און פון צווישען דעם דאָזיגען ווילדען געפילדער פון די קירכען-קלאַנגען הויבט זיך פלוצלינג אָן אַרויסצוטיילען אַ ציטעריגע, קלעגליכע מעלאָדיע. די מעלאָדיע ציהט זיך פון שפּיץ בּאַרג אַראָב, ערגעץ פון צווישען די האַרפען-סטרונעס, אויף וועלכע עס שפּילען נאָך פערלאָרענע און פערבלאָנדזשעטע שטראַהלען...

און אַ געוואַלטיגער חשק הויבט אָן איבער מיר צו געוועלטיגען, און טרייבט מיך, איך זאָל אויפ'ן בּאַרג אַרויפשטייגען, די האַרפע פון דעם בוים אַראָבנעהמען און צוריק מיט איהר אין טאָל אַראָבנידערן —

און זאָלען זיך אויף אַלע זייטען איהרע טרויעריגע קלאַנגען גיסען, זאָל זיך אויף רעכטס און אויף לינקס — אויף אַלע זייטען איהר טרויער-מעלאָדיע גיסען — זאָל זיך פון דער ערד ביז צום הימעל איהרע שטילע און ציטריגע קלאַנגען בּעוועגען...

איך פערגעס מיך איינצאַנצען.

מיט אַנ'איינגעהאַלטענעם אָטעם שפּרייז איך אַלץ העכער און העכער אויף דעם בּאַרג אַרויף — — — — — — — —

נאָר ווען איך האָב צום שפּיץ בּאַרג דערגרייכט, האָב איך אויף דעם אָרט פון דער האַרפע און די מלאכים — אַנ'אָפענעם קבר געפונען, ביי וועלכען ס'איז עלענד מיין מוטער געזעסען, דער קאָפּ נידערגעשלאָגען, און האָט אין דער שטיל געוויינט, געוויינט, און איהרע טרערען זענען אין דעם אָפענעם קבר געפאַלען..

— — — — — — — — — — איך האָב זיך שטיל און שטום צו איהר אַראָבגעלאָזען, צו איהר אין די אָרעמס געפאַלען...

און אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער האָבען מיך איהרע מוטערליכע אָרעמס געדריקט, און אַלץ הייסער און הייסער זענען איהרע טרערען געוואָרען.

איהרע טרערען זענען אויף מיין קאָפּ געראָנען און מיין גאַנצען וועזען אָנגעצונדען. אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער האָבען מיך איהרע אָרעמס געדריקט און אין איהרע הייסע טרערען האָב איך זיך טרינקען אָנגעהויבען...

— —

און כ'האָב אויפגעוואַכט. — — — — — — — —

פ י י ע ר ל ע ך.

ס'איז געווען אַרום האַלבע נאַכט.

איך בין געזעסען ביים ברעג ים צווישען די פעלזען און זיך איבער-געגעבען דער פינסטערניש.

פון אַלע זייטען זענען אָנגעקומען שוואַרצע וואָלקען און געקליבען זיך אונטער'ן הימעל.

פון מזרח-זייט האָט אַ שטאַרקער ווינט געבלאָזען און געטריבען דעם גאַנצען ים צום ברעג. נאָר דער ים האָט זיך גע'עקשנ'ט און זיינע כוואַליעס, קומענדיג צו די פעלזען, האָבען זיך צושלאָגען אין שניי-ווייסען שוים און געלאָזט זיך צוריק לויפען, שטייערענדיג זיך מיט'ן בייזען ווינט.

פלוצלינג האָבען זיך דריי פייערלעך ביים האָריזאָנט בעוויזען — ער-גיץ ווייט, פון יענער זייט הימעל זענען זיי אַרויסגעשוואומען.

— — ווער געהט עס דאָרט מיט פייער אַזוי שפּעט אום ?

מען זאָגט, אין ים בלאָנדזשען אום שיפען, וואָס קענען זיך קיינ־מאָל ניט צום ברעג דערשלאָגען. ים־גייסטער האָבען זייערע שיפסלייט פער'כישופ'ט און פערפיהרט; בלויז אין אַ שטורם בעוויזט זיך פאַר זיי פון וויטען דער ברעג, נאָר דער שטורם לאָזט זיי ניט זיך דערשלאָגען צו איהם.

און די פייערלעך הויבען זיך און זינקען; צינדען זיך אָן און לעשען זיך אויס.

— ווער האָט עס דאָרט זיין וועג פערלאָרען און קען זיך ניט צו־ריק צו זיין היים דערשלאָגען ? די וואָלקען ווערען נאָך געדיכטער, שוואַר־צער און לאָזען זיך אַלץ נידריגער אַראָב צום ים.

די וואָלקען האָבען געוואָלט צו זיך דעם ים אַרויפהויבען אָדער דער ים האָט געוואָלט די וואָלקען צו זיך אין זיין טיפעניש פערנאַרען.

און די כוואַליעס שוואַרצען זיך פון דער פינסטערניש אַרויס; קויקלען זיך און בלאָזען זיך און ווערען צוריסען. פון דעם ריס גיסען זיך אַרויס שניי־ווייסע געקרייזעלטע שוים־פרענז און די פרענז צעוואַרפען זיך איבער'ן רוקען פון די כוואַליעס און עס זעהט אויס: פון אָבגרונד זענען אַרויסגע־שוואומען מעכטיגע, שוואַרצע פערד מיט שניי ווייסע גריוועס.

אַ בליץ האָט פלוצלינג דעם שוואַרצען וואָלקען צושניטען און די ווייסע שוים־פרענז אויף די צוריסענע כוואַליעס האָבען זיך אָנגעצונדען און גע־לויכטען.

און די פייערלעך טיקען זיך אַלץ צווישען וואָלקען און וואַסער.

אַך ניין! ניט קיין פערבלאָנדזשעטע שיפען זענען דאָרט.

דאָס זענען צאַרטע, ווייסע וואַסער־טעכטער מיט פלאַקערס אין די

הענט. זיי רייטען אויף גרויסע שילדקרעטען, טאַנצען איבער פון איין כוואַליע אויף דער אַנדערער, זיי וואַרפען זיך צום אָבגרונד און שווימען ווידער אַרויס — דאָס וואַכען זיי עס אויף איין אָרט מ׳יט די פלאַקערס אין די הענט:

אַ פערליבטע פּאָר איז אין אַ שיפעל אַרויסגעשוואומען אין דעם ברייטער ים אַריין און דאָרט האָבען זיי זיך פון שיפעל אין די כוואַליעס געוואָרפען געקניפּט איינער צום אַנדערן זענען זיי צום גרונד געגאַנגען און די ים, גייסטער וואַכען אויף יענעם אָרט, בעלייכטען איהם מיט די פלאַקערס, אוואַרטען ביז זיי וועלען אַרויפשווימען. נאָר די געליבטע — זיי ליגעןביידע געקניפּט אויפ׳ן גרונד און חלומ׳ען נאָך זייער לאַנגען ליבעס־חלום.

דער שטורם ווערט נאָך שטאַרקער. פון ים אַרויס טראָגען זיך צו מיר מיט׳ן ווינט וואַסער־קולות, די בליצען ווער׳ען אָפטער און פון דעם ווילדען וואַסער־געריש האָט זיך אַרויסגעקייקעלט אַ פערקלערטער געמורמעל פון אַ פון אַ ווייטען דונער...

צווישען די פעלזען האָט גענומען פייפען דער ווינט און איבער זייערע שפּיצען זענען דורכגעפלויגען צוויי ים־פויגלעך און געבלאַנקט מיט זייערע בלאַס־ווייסע פל׳יגלען...

אונטען ביים ברעג צווישען די כוואַליעס האָט זיך עפּיס גענומען רודערן און ס׳האָט זיך געשפּירט, די כוואַליעס ווילען ווען מיט לאַרם אויף די פעלזען אַרויסשטויסען.

כ׳האָב מיין אָטעם איינגעהאַלטען. כ׳האָב פּלוצלינג דערשפּירט אַזוינס, וואָס כ׳האָב מיך געפּאָרכטען פאַר מיין געדאַנק אַרויפצוברענגען — — — — — —

אַ דויערנדער בליץ האָט אין פאַסען די וואָלקען צושניטען און די אָנגעצונדענע לופט האָט פון אַ מעכטיגען דונער אַ ציטער געגעבען — —

און אין דער בעלויכטונג האָט זיך אונטען בעוויזען אַלעדיג שיפעל, וואָס דער ים האָט צו מיינע פיס אַרויסגעוואָרפען...

אין פעלד.

איך בין געזעסען ביים זייט פעלד, מיינע פיס צום זאַמדיגען וועג אַרויס.

ס׳איז געווען אַנ׳אונרוהיגע טונקעל-גרויע און וואַרימע זומער-נאַכט. טרוקענע וואָלקען-שטיקער האָבען זיך געטראָגען אונטער׳ן הימעל און האָבען אויסגעזעהן, ווי אַנ׳אונענדליך גרויסע מחנה פויגעל אויפגעוועקטע פון שלאָף און פון די נעסטען פערטריבענע אין מיטען נאַכט און זיי לאָזען זיך אין אַלע עקען וועלט אַנ׳אַנדער אָרט זוכען, וואו די נאַכט צו פערברענגען.

אַנ׳אונרוהיגער ווינט האָט געבלאָזען גאַנץ נידריג ביי דער ערד — ניט פון קיין בעשטימטען אָרט האָט ער געבלאָזען. אַמאָל איז ער, דער ווינט, פון מערב-זייט אָנגעקומען מיט׳ן זאַמדיגען וועג, טראָגענדיג מיט זיך אַ שטויב-פּאַליע, און אַמאָל איז ער פון דרום-זייט געטריבען געוואָרען, וואו ס׳האָבען זיך געצויגען אָהן אַ סוף און אָהן אַ ברעג פעלדער, פעלדער, טראָגענדיג מיט זיך אַ ריח פון דערשטאַנענע תבואות און דעם זיסען ריח פון שטאַרק אויפגעבליהטען ראָמאַשעק.

און דער שמאָלער, זאַמדיגער וועג בלייכט זיך צווישען די פעלדער, אָבער די נאַכט איז פינסטער און ניט ווייט פון מיר, אויף רעכטס און אויף לינקס, ווערט דער וועג פערפאַלען.

ווער ווייסט וואָס עס קומט פאַר אויפ׳ן וועג ווייט פון מיר אין אַזאַ אונרוהיגער נאַכט?...

נעבען מיר שטעהט אַנ׳אַלטער לינדענ־בוים. איך האָב דעם דאָזיגען בוים שוין פיל מאָל בייטאָג געזעהן, אונטער איהם געזעסען און אין זיין שאָטען זיך בעשיצט פון דער זון, נאָר איצטער איז ער גאָר אַנ׳אַנדערער. ער איז אַזוי מורא׳דיג גרויס און אַ טונקעלער טיילט ער זיך פון דער נאַכט אַרויס. און ווען אַ ווינט־פּאַליע רייסט זיך אַריין צווישען זיינע געדיכטע בלעטערדיגע צווייגען, קען מען מיינען, פון אויבען פּאַלט אַ גרויסער וואַסער־שטראָם אויפ׳ן בוים און דאָס וואַסער רוישט עס אַזוי צווישען זיינע צווייגען.

די וואָלקען־מחנה ווערט שיטערער און דער שטערן־שיין בעלייכט אויף איין אויגענבליק די נאַכט אַרום: אין דעם דאָזיגען שיין בעווייזען זיך פון ווייטען, צווישען די פעלדער, נאָך טונקעלע בוימער, וואַקסען צוזייט איבער די פעלדער און ניט רוהיג זענען זיי אַלע.

אויף דעם גרין־בלאַסען קאָליר פון די פעלדער זעהען זיך די בוימער, ווי זיי בויגען זיך אויף אַלע זייטען, פאַכען מיט די צווייגען, רוישען מיט די בלעטער און צייכענס גיבען זיי צו זייערע אַנדערע בוימער־ברידער:

ניט היימליך איז היינטיגע נאַכט צווישען די פעלדער.

און דאָס פעלד...

אין דער דאָזיגער נאַכט זענען די פעלדער ניט בעהויכט געוואָרען מיט׳ן טוי פון גאָט.

שלאָפען האָט נאָר געקאָנט דער זאַנג, וואָס איז פאַר דער צייט פון אַ היישעריק־פליג אונטערגעזעגט געוואָרען און איצטער איז ער אויף דער ערד געלעגען ביי די פיס פון אַנדערע זאַנגען און האָט געטריקענט. אָבער

די זאַנגען, וואָס האָבּען זיך געהאַלטען אויף זייערע שטרויען מיט תּבואה אָנגעלאָדענע, זיי האָבּען פון קיין דרימעל ניט געוואוסט:

אונבּעמערקטע גייסטער האָבּען זיך געשלייכט צווישען די פערוואַקסענע בּייטען, פלינק האָבּען זיי יעדען זאַנג איבּערגעטאַפּט, אויסגעפּרובּט, אין יעדען זאַנג די קערנער איבּערגעצעהלט און יעדען זאַנג עפּעס אין דער שטיל איינגערוימט, איהם אַ סוד איבּערגעגעבּען...

און דאָס גאַנצע פעלד איז אין בּעוועגונג געווען.

זאַנג צו זאַנג האָט זיך געבּויגען און איבּערגעענטפערט, וואָס מען האָט איהם אין דער דאָזיגער נאַכט פערטרויט.

און דער טרוקענער גערויש, וואָס צווישען די זאַנגען, איז אַזוי געהיימניספול; מען קען מען מיינען, אַז אָהן צאָהל אונבּעמערקטע וועזענס שלייכען זיך דאָ אום, מאַכען פול די נאַכט און דאָס רוישען זיי עס צווישען די דערשטאַנענע קאָרענס.

און אַ פערבּאָרגענע שרעק כאַפּט מיך אַרום. די אונרוהיגקייט הויבּט אָן צו געוועלטיגען איבּער מיר. עס וואַקסט אין מיר דער פערלאַנג שטיל זיך אויפצוהויבּען און צו אַנטלויפען פון דאַנען. איך ווער מיט'ן פעלד צוזאַמענגעגאָסען און זיין אונרוהיגקייט כאַפּט מיך אַרום:

צי שפּילט'ס ניט מיין מזל ערגעץ אין די פעלדער אין דער אונרוהיגער נאַכט צווישען די גאָלדענע, אָנגעלאָדענע זאַנגען?...

אויף דעם פעלד, צווישען די דאָזיגע תּבואות, זענען געוויס מיינע טריט פערבּאָרגען.

אין פריהען פריהלינג, ווען ס'איז נאָך וואו-ניט-וואו פלעקען פון דעם לעצטען פערשפּעטיגטען שניי געווען צו מערקען און פון דער בלאַנק-

שוואַרצער ערד האָבען זיך גריגע קאָרען-גראָזען אַרויסגעשלאָגען, דעמאָלט בין איך אויף די דאָזיגע פעלדער אומגעגאַנגען.

צוזאַמען מיט די גרינע גראָזען האָט לוסט און לעבען פון דער ערד אַרויסגעשפראָצט. פון אונטער יעדען לייכטען טריט מיינעם האָט וואַסער גע-קוואָלען. און שווער איז מיר געווען צו זעהן די טיפע צייכענס, וואָס יעדער טראָט פון מיין פוס האָט אויף דער אָנגעקוואָלענער ערד געלאָזען...

ווער האָט מיך דעמאָלט געצוואונגען איבער די פעלדער אַרומצובלאָנדזשען און אַזוי טיעף דאָרט מיינע טריט אַיינקריצען? מיינע טריט זענען אין דער לענג און דער ברייט פערזייט צווישען די דאָזיגע תבואות. און נאַכט-גייסטער, נאַכט-צוּוערגען האָבען שוין ניט איין מאָל די טריט מיינע געצעהלט און גע-מאָסטען. יעדען טריט געשמעקט און געצייכענט:

„אַ מענש איז דאָ אין פריהען פריהלינג אומגעגאַנגען און האָט דאָ זיינע טריט געלאָזען... וואָס האָט ער דאָ געוואָלט?"... —

און דערנאָך האָבען זיך די גרינע קאָרענס פון דער ערד אויפגעהויבען אונהאָבען פאַר'ן אויג מיינע טריט פערשטעלט. — — —

מיט אַ מאָל האָט זיך די לבנה בעוויזען צווישען די וואָלקען-שטיקער, בעלויכטען די גאַנצע געגענד אַרום. אַ טונקעלער פליגעל האָט זיך פון פעלד אויפגעהויבען און אין דעם רוים פערשוואונדען געוואָר'ען.

דער ווינט איז אויך מיט אַמאָל שטיל געוואָר'ען. און פאַר מיר האָט זיך דער גאַנצער סוד ענטפלעקט.

איך האָב מיין בליק אַרום מיר געווענדעט און פאַר מיר האָט זיך בעוויזען דאָס פעלד, ווי ווייט איך האָב נאָר געקענט מיט'ן אויג פערכאַפען. עס האָט זיך לייכט בעוועגט, מיעד געאָטעמט און געזונקען זענען די קעפּ פון די

פול אָנגעלאָדענע קאָרען־זאַנגען. — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

ווען איך בין אויף מאָרגען גלייך מיט דער זון אויפגעשטאַנען, האָב איך געהערט דעם געזאַנג פון די שניטער אויף די פעלדער. נאָר איך האָב זיך געפאָרכטען אין פעלד צו געהן, טאָמער וועל איך אויף די אָבגעשניטענע פעלדער דערקענען מיינע אייגענע טריט און זעהן, ווי אונפרוכטבאַר איז דער אָרט, וואו עס האָט זיך אין פריהען פריהלינג מיין טריט אָבגעשטעלט

שפּיל דו, שפּיל דו, מלאך מיינער! — — —

כ'האָב פאַר דיר אַ האַרפע אָנגעגרייט — דורכגעוועבט מיט די ערשטע פריהלינגס־שטראַהלען; איהרע סטרונעס געשפּונען פון דעם שיין פון מאָרגענ־שטערן; איהר ראַם איז פון הימעל־געוועב אויסגעבויגען, מיט שטערענדלעך פינקעלנדיג אויסגעפלאַסטערט און מיט טוי פון דער זומער־נאַכט בעהויכט...

שפּיל דו, שפּיל דו, מלאך מיינער! — פון גאָט אַליין ביזטו צו מיר געשיקט; פון גאָט אַליין ביזטו געבענשט און פון דיינע אויגען ווינקט צו מיר אַרויס מיין אייביגער חלום — מיין יוגענד, — ווען אויף מיין רעכטען אַקסעל האָט ווי אַ ווייסע טויב גערוהט מיין האָפנונג און דורך אַ ליכטיגען ראָזיגען נעבעל־שלייער האָט צו מיר געוואונקען און געשמייכעלט מיין צוקונפט...

— — — איך קען אַ לאַנד, וואו מיט אַ גרוי־ווייסען נעבעל זענען פערוויקעלט אַלע איהרע וועגען, אַלע איהרע שטעגען.

און וואַקסען דאָרט בוימער פון דער ערד אַרויס, הילט זיי דער נעבעל

איין אין זיין גרוי־ווייסען מתים־קלייד. און אַזוי געהט איבער זיי פּאַרביי דער פריהלינג; דער זומער פערגעהט. אונטער דעם נעבעל ווערען דאָרט די פרוכטען פון די בוימער דערשטאַנען און פאַלען אַליין פון די בוימער אַראָב.

ביז דער הערבסט קומט אָן און ווינטען ברענגט ער מיט זיך דעם נעבעל צו פערטרייבען און צופיהרען — און די בוימער בלייבען שטעהן געלבע, פער־וועלקטע; זייער שענקייט אַנטרונען און אַרום דעם אַלעמען, און איבער דעם אַלעמען שוועבט דער צייט־גייסט און שפּילט אויף דינע סטרונעס אַ טרויער־ניגון — און פון זיינע קלאַנגען הויבען אָן די בלעטער צו פאַלען פון די בוימער אַראָב.

שטום פאַלען די בלעטער פון די בוימער אַראָב צו דער פייכטער ערד. און די נשמה פון דער וועלט ווײנט אין דער שטיל, פערגיסט אין דער שטיל טרערען, וואָס פאַלען אויף אַלץ אַרום, ווי דער קאַלטער הערבסט־טוי...

אַזוי שפּילט ער און שפּילט, דער צייט־גייסט, זיין טרויער־ניגון ביז די סטרונעס הויבען זיך אָן צו רייסען, פּלאַצען אויף שטיקער...

און ווען די זון געהט אויף און דער טאָג הויבט אָן צו שמייכלען מיט זיין טרויעריגען הערבסט־שמייכעל, זעהט מען, ווי עס טראָגען זיך אין לופטען די צוריסענע סטרונעס אין דעם געשטאַלט פון דינע בלאַס־ווייסע שפּינוועבסען. אָהן ציעל און אָהן בעדייט טראָגען זיי זיך אין לופטען און וועבען טרויער־חלומות אין האַרצען... ביז דער בייזער הערבסט־רעגען קומט אָן און פער־שווינקט זיי און ברענגט זיי אום — און מיט זיי אינאיינעם ווערט פערשוואונדען און געהט פערלאָרען דער לעצטער שפּור פון אַ גאַנצען לעבען, וואָס האָט זיינע געשטאַלטען געביטען — אין פריהלינג און אין זומער געשפּילט און פער־וויקעלט געווען אין אַ גרוי־ווייסען מתים־קלייד...

*

שפּיעל דו, שפּיעל דו, מלאך מיינער...

— ס׳איז אַמאָל אַ פּרינצעסין־קינד פערוואָרפען געווען אויף אַ ווייטען, איינזאַמען, בליהענדען און פרוכטבאַרען אינזעל.

מיט איהר יונגער מוטער, אַ געוועזענע קעניגין, איז זי דאָרט פערוואָרפען געווען. בלויז די מוטער אַליין האָט פון די טרויער־טעג, שוין לאַנג פערגאַנגענע, געוואוסט און פון זיי טאָג און נאַכט גע׳חלום׳ט.

און ווער ווייסט? אפשר האָט עס גאָר די מוטער אַליין אויסגעקלערט אין איהרע איינזאַמע טעג, אין איהרע איינזאַמע נעכט, ווען דאָס קינד האָט נאָך רעדען ניט געקענט, און איהר האַרץ האָט זיך פאַר טיפע שמערצען גע־שרומפּען — האָט זי אויס ליעבע צו איהר קינד פאַר דעם אַזאַ שענעם און אַזאַ טרויעריגען חלום אויסגעקלערט...

„מיין ליכטיגע פּרינצעסין״...

אַזוי האָט זי איהר קינד גערופען און אין דעם טרייסט פאַר זיך געזוכט.

ווערט פערוואָגעלט דער שלאָף פון דער יונגער קעניגינ׳ס אויגען, זיצט זי אויף דעם שוועל פון איהר וואוינונג אַרומגערינגעלט פון דער נאַכט מיט איהרע גייסטער; אין איהר שויס זיצט די פּרינצעסין און אינאיינעם מיט איהר מוטער איז איהר שלאָף פערוואָגעלט. זי קוקט צום וויטען הימעל און מערקט דאָרט די לבנה מיט די שטערען.

— ווער זענען דאָרט די אַלע ליכטער אין דער בלויער ווייטקייט? — פרעגט דאָס קינד.

— דאָס זענען די לבנה מיט די שטערען, מיין פּרינצעסין.

— דאָס איז אַ מוטער מיט איהרע קינדער?

— אַ ליכטיגע מלכּה מיט איהר ליכטיג פאָלק.

— און די וואָס נעהענטער צו איהר זענען איהר די ליעבסטע?

— די וואָס נעהענטער צו איהר זענען די גליקליכסטע — ענטפּערט די מוטער און איהר שטים הויבט אָן צו ציטערן.

און ווען דאָס קינד האָט דעם קאָפּ אומגעוועגדעט, דער מוטער אין גע־זיכט אַריינצוקוקען, האָבען זיך פון דער מוטערס אויגען צוויי גרויסע, הייסע טרערען אַרויסגעקייקעלט און אויפ'ן קינד'ס שטערען זענען זיי געפאַלען.

— וואָס טריפט עס אויף מיין שטערען, מוטער?

— טרערען, מיין קינד.

— נאָך וואָס די טרערען, מוטער?

— עס שרעקט מיך פאַר דיין גורל, מיין קינד.

זענען פון הימעל צוויי שטערן פלוצלינג אַרויסגעפאַלען און די נאַכט האָט אַ ציטער געטאָן.

— וואָס בעדייט עס, מוטער?

— שטערן פאַלען מיין קינד.

— און קיינמאָל וועלען זיי זיך שוין ניט אומקערען צוריק אין הימעל צו זייערע ברידער?

— ניין, מיין קינד, קיינמאָל נישט.

— קיינמאָל נישט?... וועהטאָגט דאָס האַרץ ביים קינד.

— קיינמאָל נישט, מיין קינד...

אַזוי געהען די נעכט אויף יענעם אינזעל פאַרביי.

האָט איהר עס קיין מאָל ניט געהערט?...

*

שפּיל דו, שפּיל דו, מלאך מיינער...

ג) פערלאנגען

פריהלינג.

בײם ים.

צוויי וועלטען.

בײם קאַפּירען.

הערבסט.

דער רויזענקראַנץ

פערלאַנגען.

פריהלינג.

... זי איז אַראָב פון געלעגער, דערנעהנטערט צום פענסטער, דורך איהם זיך אַרויסגעבויגען און מיט דורשט געטעמט די קיהלע לופט.. די נאַכט האָט איהר פערבאָרגענע פריהלינגס־האַנט אין פענסטער געשיקט, צאַרט איהר אומ־געאַרעמט און אויף דער גאַס אַרויסגעפיהרט.

איהר פאָטערס שטוב איז אין עק דאָרף געשטאַנען.

אַ ווינט־פאַליע דורכגעמישט מיט אַ ריח פון פרישע אויפגעבליהטע גראָז האָט איהר אַרומגעכאַפּט און דעם לאַנגען, ווייסען געוואַנט צום לייב גע־וויקעלט...

און איהר ווען האָט אויפגעציטערט.

אַ ווײַלע איז זי אויף איהר אָרט געבליבען און געקוקט מיט ברייט־אָפענע אויגען אַרום זיך, געזוכט די האַנט, וואָס לאָזט איהר ניט שלאָפען. געזוכט די האַנט, וואָס האָט איהר פון שטוב אַרויסגעפיהרט... זי האָט זיך צוגעהערט, אפשר וועט זי וואָס פערנעהמען אין דער גרויסער, גרויסער נאַכט. און טריט ביי טריט זיך דערווייטערט פון איהר שטוב. זי איז געקומען ביז אויפ׳ן מיטען לאָנקע און האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף דער ערד, די פיס אונטער׳ן געוואַנט פערבאָרגען, אַיינגעטוליעט זיך ביי דער נאַכט אויפ׳ן שויס און צוויי פריהלינגען האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען...

*

דער טונקעל־בלויער אויסגעשטערענטער הימעל האָט פון זיך אַ בלויע אָב שפּיגלונג געוואָרפען אויף די העל־גרינע פריהלינגס־לאָנקעס און די לאָנקעס אויסגעברייט ליגען זיי, ציהען זיך ווייט, ווייט ביז צום האָריזאָנט. און דאָרט, ביים האָריזאָנט שטעהט קעניגליך פערטראַכט דער טונקעלער וואַלד. מיט אַ גאַנץ

דינעם גרויען נעבעל איז ער איבערגעוואָרפען און ער וואַרט ביז דער פריה־מאָרגען וועט אויפוואַכען...

און אויף די לאַנקעס ציהען זיך אין דער לענג און אין דער ברייט לאַנגע לאַנגע פליימען פון לאַנגע, לאַנגע זשערדעס. און אויף די פלייטען וואו ניט וואו זיצען און דרעמלען נאָר וואָס אָנגעקומענע פויגלען, וואָס האָבען נאָך קיין צייט ניט געהאַט פאַר זיך אַנ׳אָרט פאַר אַ נעסט אויפצוזוכען: אַ מורא צו נעכ־טיגען אין אַ אונבעקאַנטען וואַלד... צו־ווילע טוט די לופט אַ ציטער; אַ בלאַסע ליכטיגקייט לויפט בליץ־שנעל און בעוועגט די בלויע נאַכט:

— דאָס בייט די נאַכט איהרע קליידער אום...

בליץ־שנעל בייט די פריהלינגס־נאַכט איהרע קליידער איינע נאָך דעם אַנדערען, איינע נאָך דעם אַנדערען.

הו—הו—הו — — — הו—הו—הו — — — —

טראָגען זיך אין לופטען ווייטע, ווייטע קלאַנגען — — —

— דאָס זענען נאַכט־קולות. דאָס שרייט זיך דורך די ערד צום הימעל...

דאָס זינגט די נאַכט פאַר הרחבה:

הו—הו—הו — — — הו—הו—הו — — — —

„כ׳וועב דעם בלויען פריהלינגס־שאָטען

כ׳שטיק איהם אויס מיט טויען־טראָפּען"...

הו—הו—הו — — — הו—הו—הו — — — —

כ׳שפּין און וועב איהם לאַנג און ברייט —

כ׳וועב פאַר זיך אַ פריהלינגס־קלייד"... — — — — — — — —

זי זיצט און הערט זיך צו צו דעם אָטעם פון דער נאַכט...

די נאַכט האָט אַ האַרץ און עס קלאַפּט: טיק־טאַק... טיק־טאַק...

און אפשר קלאַפּט עס גאָר איהר אייגען האַרץ?...

... דער גאַנצער קערפּער ווערט גלוט־הייס... און כוואַליעס הויבט אָן טרייבען איהר בלוט.

הו—הו—הו — — — הו—הו—הו — — — —

ס'וועבט די נאַכט אַ פריהלינגס־קלייד...

און זי זיצט ביי דער פריהלינג־נאַכט אין די אָרעמס און זוכט מיט מיעדע אויגען אַרום זיך די פערבאָרגענע קינדער פונ'ם פריהלינג... זי וואָלט זיי וועלען צו איהר גלוטיג לייב דריקען, צו איהרע ברענענדיגע ליפּען פּרעסען... זי קוקט אין דער גרויסער בלויער נאַכט אַריין... און די נאַכט — „זי וועבט פאַר זיך אַ פריהלינגס־קלייד".

— — — — — — פון בלויען הימעל האָט זיך אַ שטערן אַרויס־געריסען און ערגעץ דורך נאַכט אויף די לאַנקעס געפאַלען...

🙰

ביים ים.

אַ שטילער זומער־פאַרנאַכט.

די ברוסט פון ים בעוועגט זיך רוהיג און לאנגזאַם. איבער איהר שפּילט זיך אַ לינד ווינטעלע און רונצעלט דעם אויבערפלאַך פון וואַסער.

אָט איז דאָס ווינטעלע אַוועקגעפלויגען און דאָס וואַסער ברייט זיך שפּיגעל־גלאַט אויס.

אונטער'ן צערטליך־בלויען הימעל שווימען ראָזיגע וואָלקענדלעך: קומענדיג אַרויס איבער'ן ים, שטעלען זיך די וואָלקענדלעך אָב און פערקוקען זיך אין וואַסער — ווערט דער פּנים פון ים ראָז מיט בלוי געשטרייפט.

פון דעם אָרט וואו די הימלען נידערען אין ים אַראָב, ציהט אַ לייכטער פיאָלעטען־טוי און שוועבט און צעשווימט זיך איבער׳ן ברוסט פון ים. וואָס נעהנטער צו מזרח געהט דער טוי אין אַ נעבעל איבער און ס׳איז שווער צו דערקענען — וואו איז הימעל און וואו איז וואַסער...

אָט שווימט זיך פערטראַכט אַ שיף ביים האָריזאָנט, פון צפון קיין דרום שווימט ער, און לאָזט הינטער זיך אַ טונקעלע רויך־סטענגע, וואָס שוואַרצט זיך פון אונטער דעם נעבעל אַרויס און וויל ניט פערשווינדען.

פון ערגעץ קומען אָן שיפלעך מיט אויסגעברייטע ווייסע זעגלען, און די זעגלען בלאַנקען אין דער ראָזיגער לופט. קיין ווינט איז ניטאָ און די שיפער רודערען אַליין, בויגען זיך און גלייכען זיך אויס; בויגען זיך און גלייכען זיך אויס און רודערען.

און דאָ ביים ברעג, נעבען אַ שפּיציגען פעלזען, וואָס איז איבער׳ן ים־ברעג אַרויסגעבויגען, שטעהט אַ בלאַס מיידעל אָנגעשפּאַרט. אין ווייסען האָט זי זיך אָנגעטאָן און איז צום ים אַרויסגעקומען. זי שטעהט נעבען פעלזען אָנגע־שפּאַרט אויף איהר האַנט און קוקט אָנגעשטרענגט צו מזרח.

מען קאָן מיינען, אין אַ פינסטערער שטורם־נאַכט איז זי דאָ געבאָרען געוואָרען צוזאַמען מיט׳ן פעלזען, מען זאָל קענען זעהן, ווי דאָס שענע און דאָס מעכטיגע האַרמאָנירען צוזאַמען.

איהרע אויגען זענען געווענדעט צו מזרח — זי וויל כאַפּען די רגע, ווען די לבנה וועט זיך פון צווישען הימעל און וואַסער אַרויסשלייכען:

היינט בעגינען האָט איהר געליבטער געזאָגט, אַז ווען זי ווערט אויף איהם ברוגז, איז איהר געזיכט אויפגערעגט־שען און אונשולדיג־ריין, ווי די לבנה, ווען זי שווימט פון ים אַרויס. — —

האָט זי זיך פון איהר געליבטען אויסבעהאַלטען, איהם האָט זי געזאָגט, זי

איז אין פעלד אַוועק זעהן, ווי די זון פערגעהט, און אַליין איז זי גאָר צום ים אַרויסגעקומען. און ער, דער געליבטער איהרער, בלאָנדזשעט איצט אום אין פעלד, אויפ'ן שטעג צווישען די תבואות און זוכט זיין געליבטע — — —

און זי... זי איז גאָר צום ים אַרויסגעלאָפען.

*

פאַמעליך און שטיל קומט אָן די נאַכט.

די ראָזיגע וואָלקענדלעך זענען שוין ווייס געוואָרען, בלייך געוואָרען. און דער געבעל ביים מזרח ווערט אַלץ שוואַרצער און שוואַרצער און ווערט אין אַ וואָלקען פערענדערט; ער ווערט געדיכטער און ווי אַ וואַנט הויבט ער זיך פון ים אַרויס און ציהט זיך איבער דער גאַנצער לענג פון דעם מזרח-הימעל.

די פרויען-געשטאַלט ווערט ערענסט, בלאַס און אונרוהיג:

דער וואָלקען וועט די לבנה פערשטעלען ביי איהר אויפגאַנג. זי האָט איהר געליבטען אָבגענאַרט און איצטער וועט זי מוזען אַ גאַנצע נאַכט וואַכען ביי איהר אָפענעם פענסטער און קלערען, ווי די לבנה זעהט אויס, ווען זי שווימט אַרויס פון צווישען הימעל און וואַסער...

צוויי בלאַנק-ווייסע ים-פויגלען יאָגען נאָך איינער דער אַנדער'ן; בלאַנקען מיט די קלאָרע פליגלען אין לופטען, וואַרפען זיך אויפ'ן שפיגעל פון וואַסער און לאָזען זיך שווימען פאָראויס און פערשווינדען.

און דער פנים פון מיידעל, אין ווייסען געקליידט, ביים פעלזען אָנגע-שפאַרט, ווערט נאָך בלאַסער און אונרוהיגער. דאָס האַרץ איהרע ציטערט

קינדיש. זי קוקט צום שוואַרצען שווערען וואָלקען, און דער וואָלקען הויבט זיך אַלץ העכער פונ׳ם ים אַרויס און פערדעקט דעם מזרח־הימעל פון איהר...

*

אָ, ווען איהר געליבטער וואָלט איצטער נעבען איהר זיין, וואָלט ער געוויס געזאָגט, אַז איהר פּנים זעהט איצט אויס ווי די לבנה, ווען זי פערשפּעטיגט פון דער נאַכט אויפ׳ן הימעל און פלוצלינג הויבט אָן די זון אַרויסצושווימען אין מזרח־זייט...

צווי וועלטען.

... ביים סטענדער אין דער מזרח־וואַנט, שטעהענדיג אויף די פיס, האָט ער דעם גאַנצען טאָג ביי דער גמרא געזונגען. דאָרט האָט ער שטיל מנחה געדאַווענט. נאָכ׳ן לעצטען אָמן איז ער מיט געמאָסטענע טריט אַרויסגעגאַנגען פון בית־המדרש. און דורך זייטיגע שטעגלעך, איבער פלייטען און דורך לאָנקעס האָט ער זיך אַרויסגעקליבען צום וואַלד, וואָס איז געוואַקסען הינטער׳ן שטאָדט באַרג אויף און דאָרט העכער ערגעץ אונטער׳ן הימעל פערפּאַלען געוואָרען...

און אויפ׳ן שיפּוע פון באַרג, נעבען טייכעל מיט זיינע בעגרינטע ברעגעס, וואָס האָט זיך אונטער׳ן באַרג האַלבקיילעכדיג אויסגעדרעהט און אין טאָל אַריין ערלאָפען — איז זיין אָרט געווען... און אויפ׳ן צווייטען זייט טייך, אין

טאָל, האָבען אַרויסגעקוקט פון אַ ים גרינסען צווי גילדערנע קופּאָלען מיט צלם׳ס אין דער הויך פון אַ גאַנץ אַלטען פּרויען-קלויסטער.

*

אויף יענער זייט באַרג, הינטער איהם ערגעץ, האָט זיך אַראָבגעלאָזען די זון און אין טאָל האָבען זיך אָנגעהויבען אויסצולעגען זומערדיגע וואַרימע שאָטענס. די שפּיצען צלם׳ס פון קלויסטער, וואָס האָבען נאָך געברענט אין גלוטיגען פייער — אַ צייכען, אַז די זון איז נאָך אינגאַנצען ניט פערגאַנגען — האָבען אָנגעהויבען ביסלעכווייז טונקעלער ווערען, — און פון טייך האָט זיך אָנגעהויבען ציהען אַ גאַנץ דינער דורכזיכטיגער נעבעל, פריהער פערשלייערט דעם אויבערשטען שפּיגעל פון וואַסער און דערנאָך אַרויסגעקליבען זיך אויפ׳ן ברעג אַרויס אַלץ ברייטער און ברייטער... אימיצער האָט אַ הויך געטאָן פון טאָל אַרויס און די גרינע גראָז איז פון קיהלען טוי פייכט געוואָרען...

גלינג — — — גלינג — — — —

האָבען זיך אָנגעהויבען טראָגען פון טאָל אַרויס אומעטיגע ציטריגע האַלב-פערוויינטע קלאַנגען פון דעם קלויסטער-גלאָק. און דורכשניידענדיג דעם לייכטען נעבעל האָבען זיך די קלאַנגען געטראָגען גלייך באַרג אויף צום וואַלד, אָפּ-שלאָגענדיג זיך אָן די שפּיצען פון די בוימער און לאָזענדיג הינטער זיך אין לופטען אַ שטילען, וואַקעלדיגען ווידערקלאַנג.

גלינג — — — גלינג — — — —

איהם זענען די קלאַנגען אַזוי נאָהענט צום הארצען. ער שפּירט, אין דעם קלאַנג פונ׳ם אַלטען קלויסטער-גלאָק ליגט אַ טייל פון זיין ניגון, מיט וועלכען ער לערנט די גמרא... ניט דער תּוכן איז דער עיקר — נאָר דער ניגון. דער תּוכן איז שוין אַ ביי-זאַך פון ניגון... ווען ניט דער ניגון וואָלט

גאָר די גמרא אַזוי שען ניט געווען... דער ניגון קוקט אַרויס פון צווישען די שורות, פון צווישען די אותיות—ער בעט זיך, מען זאָל איהם אויסזינגען —

*

אויפ׳ן הימעל האָבען זיך שטערען בעוויזען. די בוימער אין טאָל האָבען זיך צוגערוקט נעהענטער איינער צום אַנדערען. און איבערגעדעקט מיט אַ טונקעל־בלויען שאָטען — האָבען זיי דעם קלויסטער אויך צו זיך אַריינגענומען, גע־טוליעט זיך אינאיינעם...

אין לופט האָט זיך גענומען וויגען אַ שטילער פרויען־כאָר —

דאָס זינגען די נאָנען זייער תּפילה פאַר׳ן שלאָפען געהן.

— וואָס קען דאָרט פאַר אַ ווערטער זיין?...

און דאָס געזאַנג ציהט זיך אַלץ נעהנטער צו איהם, קלייבט זיך אַרויס פון אונטער דער בלויער שאָטען־דעקע... עס ציהען זיך טענער — דינע זיידענע פעדים — דורך דער לופט און הילען איהם איין... איין פרויען־שטימע רייסט זיך העכער פון אַלע איבעריגע שטימען — אַ ברוסט־שטמע און זי איז אַזוי זאַנפטיג, אַזוי ריהרענד... און דער טיפער פרויען־אַלט — טיילט זיך אָב פון די אַלע איבעריגע שטימען און מאַכט פאַר זיך בעזונדער אַ וועג דורך דער נאַכט. און שטאָלץ און מאַיעסטעטיש וויגט ער זיך אין לופטען בעגלייט פון פיעל אַנדערע צאַרטערע קלאַנגען...

*

ער פערמאַכט די אויגען...

— — — און ער זעהט אַ בלאַס פרויען־געזיכט מיט גרויסע בלויע פער׳חלומ׳טע אויגען — פון אונטער׳ן ווייסען טוך פאַלען בלאַסע שטראַהלען...

און פון בּרוסט רייסען זיך טענער — פריהער שטילער, זאַנפטער — און דערנאָך אַלץ שטאַרקער, שטאַרקער... כוואַליעס שלאָגען פון האַרצען אַרויס... אין האַרצען האָט זיך אַ קוואַל אויפגעריסען, און דער קוואַל ווערט וואָס ווייטער טיפער, טיפער...

אַזוי זינגט די נשמה אַליין...

אַזוי זינגט די אונשולד...

אַזוי זינגט נאָר די נאַכטיגאַל, ניט וויסענדיג פאַר וועןאון פאַר וואָס ווען די נאַכט לאָזט זיך אַראָב אויף דער ערד. — — — — — — —

*

די קלאַנגען פילען אַלץ מעהר און מעהר אָן די פינסטערניש און ער פערלירט דעם מקור, פון וואַנען דאָס געזאַנג פליסט... ער קען שוין ניט הערען אויף קלאָר, פון וואַנען די גאַנצע האַרמאָניע קוועלט... איהם דוכט זיך, דאָס געזאַנג טראָגט זיך גאָר פון דאָרט — פון יענעם אָרט, וואו ער פערברענגט זיינע גאַנצע טעג...

דאָס געזאַנג קלייבּט זיך אַרויס פון צווישען די שורות פון די אַלטע ספרים... דאָס געזאַנג ציהט זיך נאָך גאָר פון די אַמאָליגע אַלטע צייטען..ע יעדען אָוועגד הויבען זיי אָן צו קוועלען פון אַלע עקען וועלט, דעם גאַנצען רוים פילען זיי אָן און נאָר ער איינער פערנעהמט זיי.

ער הויבט אָן צו הערען גאַנץ אַלטע, איהם בעקאַנטע, קלאַנגען...

דוכט זיך גאָר, טויזענדער נשמות זינגען איהם דעם ניגון פון „כל נדרי”... כּל נדרי אַליין איז אויך גאָר ניט — נאָר דער ניגון... די ווערטער אַליין זענען גאָר ניט... נאָר ניט אַלע מענשען זענען מסוגל צו בעגרייפען אַ ניגון, אָהן ווערטער...

דער ניגון פון „כל נדרי" וואַקעלט זיך שוין אין לופטען פון אָנהויב וועלט אָן, און אַזוי וועט ער אומבלאָנדזען עד סוף כל הדורות; ביז נאָר נשמות אַליין וועלען דעם גאַנצען רוים אָנפילען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — און ער שפירט:

אין דער טיפעניש פון זיין האַרצען הויבט זיך וואָס אָן צו בעוועגען עס הויבט דאָרט אָן צו קוועלען... ס'ווערט דאָרט אַלץ ענגער און ענגער... די פערבאָרגענע האַנט געוועלטיגט שוין אַליין איבער איהם. זי האָט זיך שטיל אין זיין האַרצען אַריינגעקליבען. זי ציהט אויף זיין האַרצען סטרונעס אָן...

און זיינע אויגען זעהען שוין ניט מעהר די פינסטערע נאַכט... אַ גרויסע גרויסע שול וואַקסט אויס פאַר איהם... די שול ווערט וואָס אַמאָל גרעסער און גרעסער... ווי די גאַנצע וועלט איז זי גרויס... די שול ווערט מיט לויטער נשמות פול, און הייליגער פורכט הילט אַלץ אַרום...

שטיל, גאַנץ שטיל — פריהער ווי פון אונטער דער ערד און דערנאָך אַלץ העכער און שטאַרקער צוגיסט זיך דער גרויסער „כל נדרי":

די נשמות זינגען עס...

און די קלאַנגען צוואַקלען זיך איבער אַלע וועלטען — קלאַנגען פון „כל נדרי"...

און זיין נשמה זינגט אויך. די פערבאָרגענע האַנט הויבט אַליין אָן צו שפּילען אויף זיין האַרצען... ער האַלט נאָר אָפען זיין מויל און דער געזאַנגען־קוואַל אין זיין האַרצען ווערט מעכטיגער און מעכטיגער... שטאַרקער און; ברייטער...

און ער אַליין ווערט גאָר ניט... גאָר ניט... גאָר ניט... די כוואַליעס פון דעם גרויסען כל נדרי־געזאַנג טראָגען מיט זיך זיין נשמה אַוועק...

אין מזרח־זייט האָט אָנגעהויבען דער הימעל רויט צו ווערען און די ערשטע שטראַהלען פון דער זון האָבען די קלויסטער־שפּיצען אָנגעצונדען...

בּיי׳ם קאָפּירען.

דאָס בּילד איז גאַנץ אונטען געהאַנגען. און אין דעם גאַנצען בּילדער־זאַל איז עס דאָס איינציגע געווען מיט אַ גלאָז אינ׳ם ראַם, כּדי ס׳זאָל נאָך מעהר שאָטען פאַלען אויף דער פּעך־שוואַרצער נאַכט און ווילד צערייצטען ים, וואָס איז אויף דעם הונדערטער־יאָהריגען אַלטען לייוועגט געווען אויסגעמאָלט און דאָס בּילד האָט פערכאַפּט די יונגע בּלאָנדע מאַלערין צו קאָפּירען עס.

און שוין צייט צוויי וואָכען, אַז טאָג־טעגליך קומט זי און שטעלט זיך בּיי׳ם בּילד, אָנגעטאָן אין איהר ווייסען קיטעל מיט דער פּאַליטרע אין דער לינקער האַנט און בּיי דער זייט איהר מאָלבּרעט — גאָר ניט הערענדיג די טריט און שעפּטשען פון די פיל בּעזוכער אין דעם בּילדער־זאַל, וואָס דרעהען זיך אום הינטער איהרע פּלייצעס. זי מערקט גאָר ניט די געשטאַלטען פון די בּעזוכער, וואָס שפּיגלען זיך אָבּ אינ׳ם גלאָז פון איהר בּילד. זי שטעהט פאַר׳ן בּילד און

הערט זיך צו צום רוישען פון ים און כאַפּט די שאָטענס, וואָס איין וואַסער־וואַל יאָגט אויף דעם אַנדערען... און איהר אַרבייט געהט אַלץ פאָרוועךטס:

זי האָט געכאַפּט דעם קלאַנג, וואָס דער אַלטער מאַלער האָט אין די וועלען פון ים בעהאַלטען, און זי שפּירט, דער אייגענער קלאַנג רייסט זיך שוין פון אונטער איהר פּינזעל אויך; ער שפּילט אויף איהר לייוועגט...

ס'קליידעט זיך איהר נשמה אָן אין מעכטיגע פליגעל און שוועבט אום אין יענע פערבבאָרגענע וועלטען, וואָס וועבען זיך אין לופטען איבער ים'ן, ווען דער שטורם טרייבט אויף די וועלען הויך ביז אין הימעל אַריין...

ביסלעכווייז בעזעצט זיך אין איהר די נשמה פון'ם אַלטען מאַלער, וואָס האָט מיט הונדערטער יאָהרען צוריק געלעבט:

זיין נשמה איז אומגעפלויגען פון וועלט צו וועלט און האָט געלויערט צו בעזעצען זיך אין אַ האַרץ, וואָס זאָל זיך ווידער אויפרעגען — שטורמען און צוגיסען זיך אין אַ ווילדען ים...

זי קוקט אויפ'ן בילד דורכ'ן גלאָז, נאָר די גלאָז מיט'ן לייוועגט איז אינגאַנצען פערשוואונדען געוואָרען פון איהר בליק און די ווירקליכקייט - דער גרויזאַמער ים אַליין—איז עס פאַר איהרע אויגען:

עס געוועלטיגט די גרויסע נאַכט. פון אַלע זייטען הויבען אָן אַרויסצו־שווימען פעך־שוואַרצע וואָלקען. איין וואָלקען קריכט אַנטקעגען דעם אַנדערען און זיי לאָזען זיך אַראָב אַלץ נידעריגער און נידעריגער, איינער שוואַרצער פון'ם אַנדערען... דער גאַנצער ים אַליין האַלט אַ ווילדע איין דעם אָטעם פאַר אויפרעגונג; ער וואַרט אויף דער רגע, ווען צו בעפעלען דעם שוואַרצען שונא, וואָס רוקט זיך פון אַלע זייטען... די געדולד פּלאַצט. דער פּנים פון ים ווערט אַ ווילדע גערונצעלט פאַר צאָרן, און פון דער טיפעניש רייסט זיך אַרויס דער שטורעם אַליין...

זיילען וואַסער הויבען אָן שיסען אין וואָלקען אַריין און פאַלען צוריק, צוגיסען זיך אין ווייסען שוים... איין שוואַרצער וואַסער־באַרג יאָגט דעם אַנדערען, קייקלען זיך ביז צום אָרט, וואו דער הימעל נידערט אין וואַסער אַריין, און מיט אַ משונה׳דיגער ווילדקייט לאָזען זיי זיך צוריק לויפען...

אַ שוואַרצע מאַכט וויל עס שוואַרצע נעצען אויסברייטען און אין זיי דעם גאַנצען ים צו פערכאַפּען... און דער ים — ער שפּירט דעם שונא — ער אַמפּערט זיך מיט אַלע כחות, ער וויל די נעצען צורייסען...

און פּלוצלינג — פון דעם גאַנצען ווילדען וואַסער־פּלאָנטער — הויבט זיך אָן צו הערען אַ ליד קלינגענדיג. זי קייקעלט זיך צוזאַמען מיט די כוואַליעס און טראָגט זיך אַלץ נעהענטער און נעהענטער.

כ׳זוך מיין מזל אין ווילדען שטורעם,
ס׳ציהט מיין האַרץ צום וואַסער־טורעם —
ס׳האָט דער ים איהם דאָרט פערריגעלט...
ס׳האָט די נאַכט איהם דאָרט פערזיגעלט...

נעהענטער, נעהענטער ווערט די שטימע און צוזאַמען מיט׳ן געזאַנג שווימט אַרויס, פון צווישען וואָלקען און וואַסער, אַ איינזאַם־עלענד שיפעל... בלייך איז דער לייווענט פון זעגעל און בלייך איז דער פנים פונ׳ם שיפער, וואָס שטעהט אָנגעשפּאַרט אָן זעגעלבוים און קוקט מיט אָנגעשטרענגטע און בענקעניש־פולע אויגען אין דער פינסטערניש... ער זוכט זיין מזל אין דעם גרויסען וואַסער־טורעם, וואָס שפּאַרט אונטער די וואָלקען... דאָס געזיכט ווערט נאָך שמערצען, האַפטער און פון האַרצען רייסט זיך אַלץ דאָס טרויער־ליד:

„כ׳זוך מיין מזל אין ווילדען שטורעם
ס׳ציהט מיין האַרץ צום וואַסער־טורעם״...

זי פאַנגט די קלאַנגען... זי עטעמט זיי אין זיך איין — איינעם נאָכ'ן אַנדערן און שנעל לעגט זי מיט'ן פענזעל — איין שטריך נאָכ'ן אַנדערן אויף איהר לייווענט.

אָט פערוואַנדעלט זי זיך אַליין אין דעם בלייכען שיפער, וואָס בלאָנדזשעט איבער ים'ן און זוכט אין ווילדען שטורעם דעם מזל זיינעם...

אָט, אָט קומט זי צו איהר ציל — — — — — — — — — — — — —

און איין מאָל, אַריינבליקענדיג אין די ברויזענדע, שוים-גרויע כוואַליעס, האָט זיך פלוצלינג איהר בליק אָנגעשלאָגען אויף אַ פּאָר טונקעלע, פערוואָלקענטע אויגען, וואָס האָבען שטום ביז אין איהר האַרצען אַריינגעקוקט:

דאָס זענען געווען די אויגען פון אַ בלאַסען יונגענמאַן, וואָס איז גע-שטאַנען הינטער דער בלאָנדער מאַלערין און געקוקט אויף איהר שען בעגייס-טערט געזיכט, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אינ'ם גלאָז פון טונקעלען בילד...

דאָס רוישען פון ים איז מיט איין מאָל שטיל געוואָרען. דורך איהר גאַנץ לייב איז אַ שוידער דורכגעלאָפען — — — — — —

און צום ערשטען מאָל האָט זי אַ פאַלשען שטריך אויף איהר לייווענט געלעגט...

הערבסט.

צום לעצטען מאָל, ווען ער איז הינטער'ן שטאָדט געווען, זענען שוין די תבואות אויף די פעלדער פאַרטיג געווען צום שניידען. און ווען ער איז

צוגעגאַנגען צום פעלד, האָט איהם דער גרויסער וויגענדיגער זאַנגען־ים, וואָס איז מיט זונענליכט בעגאָסען געווען, זיין אָטעם פערכאַפּט... אַ שוואַרצער, מרה׳שחורה׳דיגער ים האָט זיך לאַנגזאַם געגומען וויגען אין זיין קראַנק האַרץ און ער האָט געמיינט, אָט, אָט ווערט עס צעריסען. ער האָט דערשפּירט, עפּעס מורא׳דיגעס רוקט זיך אויף איהם, און זיין מיעדער בליק איז צו דער ערד געזונקען. פון צווישען די האַלב־גרינע, האַלב־געלע שטרויען, האָבען מילד און רחמנות׳דיג אַרויסגעקוקט הימעל־בלויע קאָרען־בלומען און געוואונקען צו איהם:

„נעהם אונז, קראַנקע קינד“...

מיט גרויס מיה האָט ער אָנגעריסען אַ קליינעם בינטעל קאָרען־בלומען און מיט שוואַכע, אונטערגעבראָכענע טריט האָט ער זיך געלאָזט צוריק אַהיים געהן — — — — — —

*

די לעצטע צייט האָט איהם אָנגעהויבען צו שרעקען זיין אייגענער גע־לעגער און האַלב זיצענדיג אָנגעשפּאַרט אויף זיין בעט, וואַרט ער אויף דער רגע, ווען זיינע גלידער וועט אונגעריכט אַ פרישער טוי דורכנעהמען, ער זאָל קענען ווידער אַרויסגעהן הינטער׳ן שטאָדט.

זיין האָפנונג איז געקומען און נאָך איין מאָל האָט איהם דער טוי דערפרישט.... — — — — — — — —

— — — נאָך אַ לאַנגע צייט פון רעגען און ווינט האָט זיך דרויסען עטוואָס אויסגעלייטערט. און אַרויסגעהענדיג פון שטוב האָט ער געמיינט, ס׳וועט איהם געלינגען צו קומען הינטער׳ן שטאָדט נאָך פאַר זונאונטערגאַנג — נאָר ווען ער איז צונעקומען צום פעלד, איז שוין געווען אַלץ פאַרביי... און מאַכטלאָז האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן פּלייט ביים פעלד, פערביסען די ליפּען

פאַר מיעדקייט, און האָט געקוקט צום הימעל אין מערב־זייט, אויף דעם ברוינעם פלעק, וואָס די פערגאַנגענע זון האָט געלאָזען הינטער זיך — — — — — — —

דער דינער, שפּיציגער הערבסט־רעגען און הערבסט־ווינט האָט שוין ניט איין מאָל דורכגענומען די ערד און די גאַנצע פעלדער זענען געווען גרוי־שוואַרץ...

נאַקעט, עלענד האָבען אַרויסגעקוקט פון דער ערד שפּיצען פון אַיינ־געגראָבענע שטיינער: אימיצער האָט ביי זיי אין מיטען דער קאַלטער נאַכט דעם צודעק אַראָבגעריסען...

וואו־ניט־וואו האָבען זיך געוויגט שוואַרצע, האַלבפערפוילטע שטאַכעל־בושען, וואָס זענען אויסגעוואַקסען צוזאַמען מיט די תבואות, נאָר שניידענדיג האָט מען זיי אויסגעמיטען, געלאָזען אויף הפקר, זיי זאָלען צופוילט ווערען אונטער'ן הערבסט־רעגען...

אויפ'ן שטעג צווישען צוויי בעזונדערע פעלדער שטאַרצט פון דער ערד אַרויס, אַיינגעבויגען אָן אַ זייט, אַ לאַנגער שוואַרצער צלם און שפּירענדיג, די קאַלטע נאַכט קומט אָן, טוליעט ער זיך אַלץ מעהר צו דער ערד און ווינקט, מען זאָל איהם צודעקען, איהם איז קאַלט...

אַ גאַנצע סטאַדע ווילדע גענז טראָגען זיך דורך גאָוי נאָהענט פון דער ערד מיט געשריי און געפּילדער: היינט ביינאַכט וועט קאַלט זיין, לאָמיר גיכער אַנטלויפען...

קליינע גרויע פעלד־פויגעלעך, וואָס זענען געזעסען פערשטעקט ערגעץ אונטער שטיינער — הערענדיג דאָס געשריי פון די געגנז — הויבען זיך אויך

אויף מיט אימפּעט אויף די פליגלען און טראָגען זיך אַוועק ווייט, ווערען פערשוואונדען...

די ערד אַליין איז עפּעס קלענער געוואָרען, צונויפגעקאָרטשעט זיך... דער הימעל לאָזט זיך גאָר נאָהענט איבער איהר אַראָב, ער וויל זי איינריידען, זי זאָל ניט בענקען. — —

פון ערגעץ טראָגט זיך אַ כוואַליע פייכטקייט דורכגעמישט מיט אַ ריח פון אָבגעשלאָגענע בלעטער... די גאַנצע לערקייט פון הימעל און ערד פילט אָן אַ טונקעלער אומעט, און דער אומעט ווערט אַלץ שווערער... שווערער — — — — דער ברוינער פלעק אויפ׳ן הימעל אין מערב-זייט איז פערשוואונדען געוואָרען און אויף דעם אָרט האָט אָנגעהויבען אַרויסצוקריכען אַ גרויסער וואָלקען... פערשפּרייטענדיג לאַנגזאַם... לאַנגזאַם איבער׳ן גאַנצען הימעל זיינע גרויע אָרעמס. — — — — — —

— — — ער האָט זיך מאַכטלאָז אַראָבגעלאָזען הינטער׳ן פּלייט, אויף דער ערד, און פערבאָרגענדיג דעם פּנים אין דער קאלטער ערד, האָט ער זיך שטיל צעוויינט...

דער רויזענקראַנץ

דער פריהלינג האָט געמיטען, דער זומער איז אַוועק, און דער הערבסט איז אויף גרויסע, גרויע פליגלען צופליהען געקומען — און זי איז אַליין אויפ׳ן ברעג ים פערבליבען.

זי האָט געחלום׳ט, אַז דער, אויף וועמען זי וואַרט אַזוי לאַנג, וועט נאָך קומען:

צי מיט׳ן ים, פון דאָרט וווּ די זון געהט אויף; אָדער גאָר פון מערב-

זייט, פון דאָרט וואו עס ציהען זיך פּרעכטיגע וויינגערטנער און רויזענפעל־
דער — ער וועט קומען!...

און ביינאַכט, אויף איהר איינזאַמען געלעגער, מיט האַלב אָפענע פער־
טרוימטע אויגען ליגענדיג, האָט זיך איהר אויסגעדוכט, הינטער די פענסטער
פון די לעדיגע צימערען, וואָס קומען צום ים אַרויס, שטעהען בלאַס־ווייסע ים־
גייסטער און שעפּטשען אין דער שטיל:

„שטעה אויף, ניט שלאָף... געה צום ים אַרויס... אין אַ פישער־שיפעל,
געקומען איז ער. די וועלען וויגען איהם — ער וויל אויפ׳ן ברעג ניט אַרויס,
ביז דו וועסט צו איהם אַרויסקומען... געה צום ים אַרויס... געה צום ים
אַרויס..."

אויף מאָרגען האָט זי בעשטימט ביי זיך אין האַרצען ביי׳ם ים צו נעכטיגען.

דעם גאַנצען טאָג איז זי אין דער היים פערבליבען; די שענסטע פון
איהרע קליידער אָנגעצויגען און ביים שפּיגעל זיך געצירט. און ווען ס׳איז רעכט
שפּעט געוואָרען, איז זי צו אַ גערטנער אַוועק בעשטעלען אַ קראַנץ פון ווייסע
רויזען.

ווען דער גערטנער האָט ביי איהר געפרעגט, פאַר וועמען זי בעדאַרף
דעם קראַנץ, האָט זיך אין איהר בלאַס געזיכט אַ מיעד־ראַזיגער פאַרב בעוויזען
און קינדיש פערשעמט האָט זי שטיל געענטפערט:

— איך בעדאַרף מיט׳ן קראַנץ מיין חתן בעגעגנען...

און ווען דער גערטנער האָט בעמערקט, אפשר וועט זי הייסען דעם קראַנץ
פון רויטע רויזען פלעכטען, ווייל אַלע ווייסע רויזען זענען שוין בעשטעלט אויף
אַ קראַנץ פאַר אַ יונגער כּלה, וואָס איז געשטאָרבען און מאָרגען בעדאַרף איהר
לויה זיין, האָט זי אַ ווײַלע געשוויגען, צוריק בלאַס געוואָרען און שטיל געזאָגט:

— איך בעדאַרף אויך מיין קראַנץ פאַר אַ כלה, וואָס איז געשטאָרבען און נאָך היינט וועט איהר לויה זיין...

דער גערטנער איז מיט אַ ליכט אין גאָרטען געגאַנגען און אַ קאָרב אָנ־געשניטענע ווייסע רויזען געבראַכט. און ווען ער האָט דעם קראַנץ פלעכטען געענדיגט, האָט ער ווי פאַר זיך בעמערקט:

— יאָ, אַזעלכע קרענץ בעשטעלען ביי איהם שטאָדט־לייט פאַר טויטע און פאַר לעבעדיגע — אָן דאָך וואָלט ער וועלען וויסען, פאַר וועמען זי בע־דאַרף איהם.

נאָר זי האָט גאָרניט געענטפערט. נעהמענדיג דעם קראַנץ פון גערטנער, האָט זיך איהר געזיכט ליכטיג אָנגעצונדען, און זי איז פון שטוב אַרויס.

מורא האָבענדיג ניט צו פערשפעטיגען, האָט זי געאַיילט צום ים, צו זיין ברעג, וואָס איז אין דער פינסטערניש געלעגען פערהילט; זי האָט אויפגעזוכט דעם איין־און־איינציגען בוים, וואָס איז עלענד אויף דעם ברעג געוואַקסען, האָט זיך אונטער איהם אַראָבגעלאָזען און מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט זיך צו אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום...

ס'איז געווען איינע פון די הערבסט־נעכט, ווען הימעל, לבנה און שטערען טיילען זיך אינגאַנצען אָב פון אונזער וועלט און הויבען אָן לעבען אַליין פאַר זיך. גרוי־שוואַרצע וואָלקען האָבען אָבגעשיידט דעם הימעל פון ים און אויף איהם אַ שוואַרצען שאָטען אָנגעוואָרפען. האָט זיך דער ים בעליידיגט דערשפירט! דעם אונרעכט דערפיהלט און ניט געקאָנט זיך בערוהיגען. ער האָט געברומט מיט טויזענד וואַסער־קולות און אָהן רחמנות געטריבען זיינע כוואַליעס, זיי זאָלען צום ברעג לויפען און דערצעהלען פונ'ם אונרעכט, וואָס דער הימעל מיט זיינע שטערען האָבען איהם געטאָן. די נאַכט האָט זיך איבער איהס נידריג אַראָב־געלאָזען, געגלעט איהם מיט איהרע פליגעל — נאָר ער האָט זיך אַלץ שטאַר־

קער געדעגט, אויף טויזענדער פּאַסען האָט זיך זיין ברוסט געריסען און פון די וואונדען האָבען זיך שוים־זיילען אַרויסגעקייקעלט און צעגאָסען זיך איבער דעם אויבערפלאַך פונ׳ם וואַסער.

אַ צייט איז זי אונטער׳ן בוים געזעסען, בעשיצענדיג דעם קראַנץ פונ׳ם ווינט, וואָס האָט איהם פון איהרע הענד געריסען, ביז אויף איהר האָט זיך אַ מיעדקייט פון אַלע זייטען אַראָבגעלאָזען. דאָס רוישען פון ים האָט זי איינגאַנ־צען פער׳שיכור׳ט; זי האָט אָנגעהויבען צו דרעמלען און איהר האָט זיך אויס־געוויזען:

... ס׳איז פריהער פריהלינג. גערטנער פון אַלע זייטען. אַלץ אַרום איז מיט שניי־ווייסע בליטען בעדעקט, און איבער דעם אַלעמען גיסט די זון שטראָמען ליכט. די לופט איז מיט אַלערליי בלומען־ריחות געווירצט, און זי אַליין איז אַזוי לייכט, אַזוי שוועבענד, ווי פליגלען וואָלטען איהר פוןביידע זייטען וואַקסען; און שוועבענדיג רייסט זי קאַרשען־צווייגעלעך, בעדעקט מיט לויטער ווייסע בליטען, צווישען וועלכע עס שפּראָצען נאָך גרינע קנאָספּען, שטעקט זיי אין איהרע צעפּ, אַרום איהר קאָפּ געוויקעלטע, הענגט זיי אויף איהר ווייס קלייד אַרום און אַזוי קומט זי ביז צום ים אַרויס...

און דער ים איז רוהיג, שטיל; ליגט אויסגעברייט, ביז וואַנען די אויג קען פערכאַפּען, און העל־בלוי איז ער, עטוואָס גרויליך פּערנעבעלט און אויף זיין שפּיגעל גליטשען זיך די זונען־שטראַהלען, ברעכען זיך און בלאַנקען. ווייסע מעווען שווימען אום אויפ׳ן אויבערפלאַך פון וואַסער, פליהען פלוצלינג אויף און פאַלען באַלד ווידער אין וואַסער אריין און לאָזען זיך שווימען...

און די מענשען, וואָס שפּאַצירען אום ביים ברעג, זענען אויך יום־טוב׳דיג, פריהלינגדיג; די געזיכטער פרעהליך און איינער צום אַנדערען שמייכעלט צו־פרידען, און אַזוי גרינג, אַזוי לופטיג זענען זיי אַלע...

פלוצלינג שווימט אָן אַ וואָלקענדעל און פערדעקט די זון... דער ים ווערט טונקעל־בלוי און די מענשען אַרום האָבען זיך ווי איבערגעשראָקען:

איינציגווייז, שווייגענדיג הויבען זיי אָן דעם ברעג צו פערלאָזען, פער־שווינדען, ווי זיי וואָלטען מורא האָבען מעהר ביים ברעג צו פערבלייבען, און איילען זיך אַהיים, צוריק אין שטוב זיך פערשפּאַרען...

און אין הימעל בעווייזען זיך שטערענדלעך, פינקלען אַ ווילע און פלוצלינג הויבען זיי אָן צו ציטערען, רייסען זיך פון הימעל אַרויס און פאַלען אין ים אַריין, און עס זעהט אויס, ווי אַ שטערען־רעגען פאַלט פון הימעל אין ים אַריין, און זי — זי אַליין שטעהט ווי אַ צוגעשמידטע צום ברעג און קוקט אָנגעשטרענגט צום מזרח־הימעל, ווי זי וואָלט אויף עפּעס וואַרטען. זי האָט מורא אויף אַ רגע איהרע אויגען אָבצעווענדען, טאָמער וועט זי עפּעס פערמיידען.

פלוצלינג האָט זיך אין מזרח־הימעל אַ טירעלע געעפענט; ביים ברעג הימעל האָט זיך עס געעפענט. און פון דאָרט קומט אַרויס אַ ווייסער מלאך מיט גרויסע בלאַנק־ווייסע פליגלען און שוים־ווייסע לאָקען, און די אויגען זיינע זענען גלי־הענד־שוואַרץ. אין דער רעכטער האַנט טראָגט ער אַ אָנגעצונדענעם העלען פיי־ער־פלאַקער, און אויף דער אַנדערער האַנט, אויף זיין מיטעלסטען פינגער, שטעהט אַ ווייסע טויב מיט גרויסע גאָלדענע, ליכטיגע אויגען.

און דער מלאך געהט האַלב פליהענדיג איבער דעם שפּיגעל פון וואַסער און דערנעהענטערט זיך צום ברעג גלייך צו איהר... און זיינע שוואַרצע גלי־הענדיגע אויגען בליקען גלייך צו איהר אין האַרצען אַריין; שטום בליקען זיי און זאָגען גאָרנישט...

דער מלאך דערלאַנגט איהר דעם אָנגעצונדענעם פלאַקער און ניט ווילענדיג נעהמט זי איהם. ניט ווילענדיג דערלאַנגט זי איהם איהר צווייטע האַנט, שטרעקט אויס איהם אַ פינגער, אויף וועלכען דער מלאך שטעלט די טויב אַרויף און

הינטערדריקס קעהרט ער זיך לאַנגזאַם, דער מלאך, צום אָרט, פון וואַנען ער איז געקומען, און געהענדיג אַזוי, ווינקט ער צו איהר מיט איין פינגער, זי זאָל איהם נאָכגעהן. — און זי פאָלגט איהם:

זי געהט פון ברעג אויפ׳ן ים אַרויס... און דער אויבערפלאַך פון וואַסער איז ווי מיט אַ שטייפען, בלויען זייד אָנגעצויגען. און זי טרעט איבער איהם אַזוי זיכער, אַזוי לייכט, און אַזוי דערנעהנטערט זי זיך אַלץ מעהר צום מזרח־הימעל, צום האָריזאָנט; און קומענדיג צום טירעלע, וואָס אין הימעל, געהט דער מלאך פריהער דורך, דאָס טירעלע פערמאַכט ער. און זי בלייבט אַליין אויפ׳ן ים...

און דער ים אונטער איהרע פיס הויבט זיך אָן שט־ל צו וויגען. און דאָס בלויע זייד, איבער וועלכען זי האָט אַזוי זיכער געשפּרייזט, הויבט אָן שוואַכער צו ווערען און ציטערט אונטער איהרע פיס. דאָס העלע פייער פון פלאַקער, וואָס אין איהר האַנט, ווערט טונקעלער, טונקעלער און בעקומט אַ גרינעם גע־שטאַלט, און די אויגען ביי דער טויב ווערען פייערדיג־גרין און פלוצלינג ווערט זי אין אַ גרינע שלאַנג פערוואַנדעלט...

און די שלאַנג הויבט זיך אָן לאַנגזאַם אויסצוציהען, וויקעלט זיך אַרום איהר האַלז, ציהט זיך צו איהר ברוסט, וויקעלט זיך פעסט אַרום איהר און שטיקט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער...

ס׳ווערט פינסטער אַרום. דער ים אונטער איהרע פיס הויבט אָן רוישען און שטורמען, כוואַליעס הויבען זיך פון אַלע זייטען און קייקלען זיך גלייך צו איהר... פאַר איהרע אויגען עפענט זיך אויף אַ שוואַרצער, פינסטערער אָב־גרונד, פון וואַנען עס ציהען זיך אַרויס צו איהר אַ פּאָר מעכטיגע שוואַרצע הענט. די הענט כאַפּען, אַרמען זי פעסט אום און ציהען זי אין פינסטערן אָב־גרונד אַריין. — — — — — — — — —

אין דער פריה, ווען די הערבסט־זון איז אויפגעגאַנגען, האָבען פישער גאָר ביים ברעג געפונען אַ דערטרונקענע, וואָס איז געווען אין ווייסען פערצירט און נעבען איהר איז אַ קראַנץ פון ווייסע רויזען געשוואומען, מיט וועלכע די וועלען האָבען זיך געשפּילט...

"פערלאַנגען".

ווען זייער שיפעל האָט זיך פון ברעג אָבגעטיילט, האָט זיך אַ שטערן פון הימעל אַרויסגעריסען און דאָרט ערגעץ ביים האָריזאָנט אין ים אַריינגעפאַלען.

— מיר וועלען אונזער שיפעל טרייבען אַהין, וואו דער שטערן איז געפאַלען, — האָט זי שטיל, ווי פאַר זיך אַליין, געזאָגט און זי האָט דעם רודער אויף רעכטס געבויגען.

דאָס גרינגע שיפעל האָט זיך געלאָזט שווימען אין ברייטען ים אַריין.

ס'איז געווען אַ שטילע זומער־נאַכט. ברייט האָט זיך בעוועגט די ברוסט פונ'ם ים און איבער זיין אויבערפלאַך האָט זיך געטראָגען אַנ'איינגעהאַלטענער קלאַנג, אַ שטילער וואַסער־קלאַנג, וואָס האָט זיך פון דער טיפעניש געצויגען, און העכער פון דעם וואַסער־שפּיגעל האָט זיך דער דאָזיגער קלאַנג ניט אויפגעהויבען: ער האָט זיך צונויפגעוועבט מיט דעם טיפען סוד פון דער זומער־נאַכט, וואָס האָט דעם גאַנצען ים איינגעוויקעלט.

— ווען שטערען פאַלען איז גוט דאָס אייגענע מזל אויסצופּרובען, — האָט זי ווידער שטיל, ווי פאַר זיך אַליין, בעמערקט.

ער האָט ניט געענטפערט. ריטמיש און צום טאַקט האָט ער בעוועגט זיינע רודערס און דאָס שיפעל האָט זיך אַלץ מעהר פון ברעג דערווייטערט.

— ניין, איך וויל נישט זיין דאָרט, וואו שטערען פאַלען, — האָט זי אונצופרידען געזאָגט. דערביי האָט זי איהר רודער אויף לינקס גענייגט און דאָס שיפעל האָט זיך גענומען לאָזען צו דרום-זייט מיט דער לענג פון׳ם ברעג.

ער האָט ווי אַ קנעכט אַ געהאָרכזאַמער אין דער דאָזיגער ריכטונג זיינע רודערס בעוועגט.

— איך וואָלט וועלען, דער ים זאָל אויפשטורעמען, וואָלקען זאָלען דעם הימעל פערציהען און אַלע שטערען זאָלען פערשווינדען, — האָט זי זיך געצערטעלט און ביי די ווערטער האָט זי מיט איהר רודער, ווי אַ קליין קינד אַ צורייצטע, אָנגעהויבען דאָס וואַסער צו פּאַטשען, מיט׳ן וואַסער צום הימעל צו שפּריצען.

דאָס שיפעל האָט זיך אויף איין אָרט געדרעהט און ער האָט אַלץ שטיל און געהאָרכזאַם די רודערס בעוועגט.

— ניין, מיר געפעלט בעסער דער זילבערנער וועג פון דער לבנה-שיין — האָט איהר שטימע געציטערט — מיט דעם וועג וועלען מיר קענען אויף דער אַנדער זייט הימעל אַרויסשווימען.

דערווייל איז אַ וואָלקען אָנגעקומען און די לבנה פערשטעלט. דער זילבער-וועג אויפ׳ן ים איז פערשוואונדען.

— ווען דער שטערן איז געפאַלען, האָב איך אונזער מזל אין פּרוב געשטעלט.

אַזוי האָט זי געזאָגט און איהר גאַנצער קערפּער האָט געציטערט פאַר איינגעהאַלטענער אויפרעגונג.

ער האָט גאָר ניט געענטפערט. שטיל און ריטמיש האָט זיך זיין שלאַנקער יונגער קערפּער בעוועגט האַלטענדיג פעסט די רודערס אין זיינע הענט און מיט'ן געדאַנק פאָלגענדיג איהר קאַפּריז. ערשט דאַן, ווען דאָס שיפעל האָט זיך שטאַרק אָן ברעג אָבגעשלאָגען, האָט ער אויפגעוואַכט.

און ווען זיי זענען ביידע אויפ'ן ברעג אַרויס, האָט זיך ווידער אַ שטערן פון הימעל אַרויסגעריסען און אין ים אַריינגעפאַלען. דאָס מאָל האָט ער שוין זיין מזל אויסגעפּרובט.

און זי...

זי האָט אין דער שטיל געוויינט.

ד) בוימער, בלומען און טרערען.

צייטען.

דער איינזאמער דעמב.

רויזען.

אין ליליען=בעכער.

פון צוויי ברעגעס.

די בלינדע בעטלערין.

געפאלענע שטערען.

ביים זון=פערגאנג.

אין געפענגניש.

א בוים.

א פערשאָלטענער שפין.

דער מוטערס טרערען און א שמעטערלינג.

צ י י ט ע ן.

עס וואַקסט דער בוים פון דער ערד אַרויס. טיף אין דער ערד זענען וואָרצלען בעהאַלטען און איבער דער ערד, אין דער פרייער וועלט, זענען זיינע צווייגען צום שטורם-ווינט איבערגעגעבען.

ווייסען די וואָרצלען, ווען אַ בלעטעלע פאַלט פונ׳ם בוים אַראָב?

און ווען נאָך אַ קאַלטער הערבסט-נאַכט קומט דער פריהמאָרגען מיט זיין רויעריג ליכט און אַ ווינט ברענגט ער מיט זיך צו מאַכען ציטערן דאָס האַרץ פונ׳ם בוים און בלעטער פאַלען, פאַלען...

און פון ערגעץ קומט אַ שפּינוועבס מיט׳ן ווינט צו פליהען און רוהט אויפ׳ן קרוין פונ׳ם בוים —

צי ווייס עס, צי שפּירט עס דער ווייטער וואָרצעל, וואָס איז אין דער ערד געשיקט?

*

גאָט מיינער! טראָפּענס-ווייז פאַלט דער רעגען און בעשאַפט דעם וויל-דען פריהלינגס-שטראָם, וואָס בערויבט אין זיין געלויף פּרוכטבאַרע פעלדער און די מאָגערע געגענד בעפּרוכפערט ער...

און צייטען געהען פאַרביי און אַלץ אונטער׳ן הימעל לעכצט נאָך איין טראָפּען וואַסער און פערשלאָסען זענען די הימלען.

*

איך קען אַ לאַנגען טיפען טאָל. מיט נאַקעטע, גלאַטע און טעמפּע

שטיינער איז ער אויסגעבעט. ריזיגע שטיינער פלאַסטערען פון אַלטע צייטען דעם טאָל אויס. און איבער דעם אַלעמען רוהט אַן׳אַלטער גרויער סוד:

אַמאָל איז אויף דעם דאָזיגען אָרט אַ טייך געלאָפען, אַ טייך, וואָס האָט זיך צווישען פעלזען און שטיינער אַ וועג אויסגעקליבען, זיין בעט אויסגעבעט,

האָט איהם אָבער אַ כשוף פון דאַנען געצויגען. אין אַ גרויסע שורה פון טעג, פון וואָכען, יאָהרען און יובל׳ס האָט אַ כשוף דעם טייך געצויגען פון טאָל אַרויס. צום ים ערגעץ ווייט האָט עס איהם געריסען און פון זיין אַלטער וויג איז דער טייך געוואָרען אַרויסגענאַרט.

איצטער איז וויסט זיין וויג־בעט. נאַקעטע שטיינער פילען דעם טאָל אָן; שטיינער, וואָס טראָגען אין דער שטיל זייער שטומען טרויער און בענקען אָהן אויפהער נאָך דעם שטראָם פון פריהלינג און הערבסט, וואָס זאָל דאָ דורך דעם טאָל פלייצען און מיט זיך אויף איין אויגענבליק זייער בענקען און זייער טרוי־ער פערטראָגען...

*

אַ וואַלד מעכטיגע דעמבעס. קומט דער הערבסט, פאַלען זייערע דיקע בלעטער און די ערד, וואָס צו זייערע פיס, ווערט מיט אַ בלעטער־דעקע איבער־געצויגען.

קומט דער ווינטער, דעקט עס אַלץ אַרום מיט זיינע שנייען.

און ווי זאָל אין פריהלינג דאָס שוואַכע יונגע גרעזעלע זיך דורכשלאָ־גען פון דער ערד אַרויס, דורך דעם שטייפען בלעטער־טעפּיך אַ וועג זיך מאַכען?

און דאָך האָב איך אין יעדען פריהען פריהלינג געזעהן, ווי נאָר עס דערנעהנטערט זיך דער געזאַנג פון די פריהלינגס־פויגעל דורך די צווייגען,

הויבען זיך אָן דורכצושלאָגען צערטליכע, הימעלבלויע פּיילכלעך דורך דער דיקער בלעטער-דעקע און פון צווישען די מעכטיגע, נאָך האַלב פערפראָרענע דעמבעס, ווינקען זיי צום בלויען פריהלינגס-הימעל...

דער איינזאַמער דעמב.

(א מעשה)

צי האָבען איהם די בוימער פון אַ וואַלד פערטריבען, צי האָט אַ ווינט אַ מאָל זיין זאָמען געטראָגען און דאָ גראָד איינס פערלאָרען, צי איז דאָ אַמאָל אַ וואַלד געוואַקסען און איז פון דער האַק פערלענגדט געוואָרען און נאָר ער איינער איז געבליבען — קיינער ווייסט ניט! ער אַליין — געדענקט ניט. איינזאַם שטעהט ער אין ברייטען פעלד, און אַרום איהם, פון מערב, צפון און דרום, איז אָפען און פריי — נאָר פעלדער, פעלדער און פעלדער.

פריהלינג גרינען זיי; זומער וויגט זיך איבער זיי אַ ים מיט גאָלדענע זאַנגען; הערבסט ווערען זיי ווידער הויל, גרוי און שוואַרץ און דער פייכטער הערבסט-ווינט יאָגט איבער זיי און פייפט, און קומט דער ווינטער, ווערט אַלץ מיט שניי בעדעקט...

אַזוי איז עס פון דריי זייטען — מערב, צפון, דרום.

פון מזרח-זייט אָבער איז גאַנץ אַנדערש: דאָרט גרינט אונטער'ן הימעל אַ יונגער וואַלד פון שלאַנקע בערעזען, פון דאָרט פערפליהט זיך אַ מאָל אַ פויגעל און זינגט אין'ם פליהען, און דערצעהלט דעם אַלטען דעמב פון לעבען אין נאָהענטען יונגען וואַלד.

ווי אַזוי דער וואַלד איז געוואָרען, געדענקט ער:

איינמאָל, ווען דער הייסער זומער איז אָנגעקומען און די פעלדער ארום האָבען זיך אין גאָלד-געלע קליידער פערצירט, איז אין מזרח-זייט נאָך אַלץ גרין געווען.

— צי האָט זיך דער פריהלינג פער'עקשנ'ט און ניט געוואָלט אָבטרעטען פון יענעם ווינקעל?

ער האָט עס ניט פערשטאַנען.

הערבסט, ווינטער, פריהלינג און ווידער זומער —

און אַנטקעגען אין מזרח-זייט האָט עס אַלץ אונגעוועהנליך געגרינט, און די גרינסען, וואָס ווייטער, הויבען זיך אַלץ מעהר איבער דער ערד. דאָס האַרץ אין אַלטען בוים האָט אין דער שטיל אָנגעהויבען קלאַפּען. אַנ' אונבעקאַנט געפיהל האָט דאָרט גענאָגט. די צווייגען זיינע האָבען זיך גענומען ציהען צו מזרח, צו'ם אָרט, וואו ס'האָט אַזוי שען געגרינט. עס איז אָבער אַזוי ווייט.

און דער דעמב האָט צום ערשטען מאָל זיין איינזאַמקייט דערשפירט.

און איין מאָל — ווען די פריהלינגס-זון איז פון מזרח-זייט אַרויסגעשוואומען און בעלויכטען יענעם וואונדערליכען ווינקעל — אין דעם פריהמאָרגען-ליכט—האָט זיך איהם בעוויזען די גאַנצע געגענד אין מזרח מיט אַ יונגען וואַלד פון צאַרטע בעראָזען, און די ערשטע שטראַהלען פון דער אויפגעהענדיגער זון בעלויכטען זייערע שלאַנקע, ווייסע שטאַמען... דער אַלטער דעמב האָט אַ ציטער געטאָן.

פריהלינג, זומער, הערבסט און ווינטער — און ווידער פריהלינג...

און דער יונגער וואַלד וואַקסט און הויבט זיך פון דער ערד. די יונגע גרינע צווייגען ציהען זיך צום הימעל, צום ליכט; ווערען זיי פער'שכור'ט,

לאָזען זיי די קעפּ אַראָב און דרעמלען־אײַן. און די שטאַמען בײַטען אײַן ווײַס קלייד אויפ׳ן אַנדערן. ווערט זיי די ווײַסע פאַרב דערעסען — בעקליידען זיי זיך אין ווײַס מיט טונקעל־בלוי געשפּרענקעלט; פערבעטען צו זיך דעם ווינט, און ער וויגט זייערע יונגע קעפּ, קרייזעלט זייערע גרינע, צו דער ערד אַראָבגעהאַנגענע לאָקען, ברענגט זיי גרוסען פון דער אויפגעהענדער זון און פון דעם נײַעם טאָג, פון דעם זונפערגאַנג און פון דער נאַכט, וואָס קומט אָן.

ווינט אײַן, ווינט אויס — און יעדער ווינט ברענגט אַנ׳אַנדער בשורה און צו יעדער בשורה הויבט זיך דער יונגער וואַלד אַלץ מעהר פון דער ערד אַרויס.

און דער עלענד פון דעם אײנזאַמען דעמב איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען. די צווײַגען זײַנע האָבען זיך אַלץ שטאַרקער געריסען צו מזרח־זײַט, ער אַליין האָט זיך אויך מיט זײַן גאַנצען אַלטען שטאַם גענומען בויגען אין דער זײַט, וואוהין זײַנע צווײַגען האָבען געשטרעבט. די נאַכט האָט איהם שוין מעהר ניט געקענט פערשלעפערן און זײַן עלענד איז געוואַקסען.

איינמאָל האָט זיך אָבגעשטעלט איין אַלטער שפּאַרבער צווישען זײַנע צווײַגען און האָט דערצעהלט, אַז אין דעם יונגען וואַלד האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען פון אַלע זײַטען זינגפייגעל און בײַ יעדען זונאויפגאַנג ווערט דאָרט געזונגען און געטאַנצט. — האָבען עס די צווײַגען דערהערט, און האָבען בעשטימט, מעהר זיך ניט אָנצוקליידען אין גרינעם. נאָך אין מיטען זומער האָבען די בלעטער גענומען וועלקען. און ווען דער נײַער פריהלינג איז אָנגעקומען, זענען זיי נאַקעט געבליבען. אייניגע יונגע, לייכטזיניגע צווײַגען, וואָס האָבען זיך נאָך געוואָלט מיט גרינע בלעטער פערפוצען, האָבען באַלד חרטה געהאַט, קוקענדיג אויף זייערע עלטערע נאַקעטע ברידער: די יונגע

בלעטעלעך זענען צוריק פערטריקענט געוואָרען. אַנדערע בלעטער האָבען זיך גאָר ניט געוואָלט אַרויסוויקלען פון די קנאָספּען, און ווען דער הייסער זומער איז אָנגעקומען, געטריקענט — האָבען די צווייגען פון זיך געגומען אַראָבּ־וואַרפען פּאַר שמערצען דאָס לעצטע קלייד — זייער קאָרע — עס האָט זיך זייער נאַקעט ווייס לייב בעוויזען. דאָס לייב איז פון דער ברענענדיגער זון געל־בלוי געוואָרען. — — — — —

ס'איז געווען אַ פאַרנאַכט אין הערבסט. גרויע, פייכטע וואָלקען האָבען זיך געשלעפּט אין לופטען. שוין לאַנג ווי די ערד האָט די זון ניט געזעהן. דער ווינט האָט געפייפט, ווילד געריסען, האָט אָנגעזאָגט: „דער ווינטער געהט. דער ווינטער געהט!" און פלוצלינג האָט ער זיך דורכגעטראָגען, פערשייט, איבער'ן קאָפּ פון דעם דעמב, די יונגע פערטריקענטע צווייגען געבראָכען און צו דער ערד געוואָרפען. און שפּעטער אַ ביסעל, ווען ס'איז פינסטערער געוואָרען, האָט זיך בעוויזען איין אַלטע פרוי אין שוואַרצען אָנגעטאָן מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס. זי האָט די אָנגעבראָכענע צווייגען אין זאַק אַריינ־געלעגט און איז שטיל אַוועקגעגאַנגען...

אַ שוידער איז דורכגעלאָפען זיין אַלט לייב און ער האָט זיך פערטיפט אין זיינע געדאַנקען.

ווען ס'איז רעכט נאַכט געוואָרען, האָט דער ווינט אויפגעהערט צו פייפען. די גרויע וואָלקען זענען ווייסער געוואָרען, זיי ווערען צוריסען, און שטיקער בלוי־אויסגעשטערנטער הימעל האָבען זיך צווישען די וואָלקען־שטיקער בעוויזען. דער ווינט האָט טרוקען אַ בלאָז געטאָן, און געבראַכט אויף זיינע פליגעל — פראָסט. אַלץ ארום האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטען...

פלוצלינג האָט זיך אין דער לופט אַ געררויש פון פליגעל דערהערט: אַ גרויסע מחנה שוואַרצע קראָהען טראָגען זיך ערגעץ פון די נאָהנטע פעלדער

און שטעלען זיך איינציגווייז אויפ'ן אַלטען דעמבּ. און אויסגעזעצט זיך אויף אַלע צווייגען אַרום, אויף דער קרוין און וואו ס'איז נאָר אַנ'אָרט געווען צו זיצען. טוליענדיג זיך איינער צום אַנדערען, האָבּען זיי זיך צוגעהערט צום ווינט, וואָס האָט מיט פראָסט געבּלאָזען.

דעם אַלטען דעמבּ איז וואַרעם געוואָרען. שוין לאַנג, אַז ער האָט בּיי זיך אַזוי־פיעל ליבּע געסט ניט געהאַט; שוין לאַנג־לאַנג האָבּען פויגעל זיינע צווייגען ניט געוואַרעמט.

די וואָלקען זענען בּיסלעכווייז אינגאַנצען פערשוואונדען. בּרייט האָט זיך געצויגען דער טיף־בּלויער הימעל און אין איהם האָבּען געפינקעלט אָהן אַ צאָהל שטערן. צווישען די קראָהען האָט נאָך וואָס'ערע אַנ'אונרוהיגען קראַ געטאָן, בּאַלד אָבּער איז שטיל געוואָרען. זיי זענען איינציגווייז אַיינגעשלאָפען, טוליענדיג זיך צו די גאָלע צווייגען.

און דער אַלטער בּוים האָט אַ ווײַלע זיין עלענד פערגעסען. אַ ליבּע וואַרעמקייט פליסט אַרויס פון די שלאָפענדיגע פויגעל און צוגיסט זיך איבּער זיין אַלטען, קאַלטען שטאַם, איבּער זיינע צווייגען. און נאָך אַ לאַנגער צייט פון וואַכען, האָט ער אויך אָנגעהויבּען דרעמלען. דער אַלטער דעמבּ איז אַיינגעשלאָפען און איהם האָט זיך אָנגעהויבּען צו חלום'ען:

ער איז יונג און גרין. זיינע פעסטע צווייגען זענען געדיכט מיט בּלע־טער בּעוואַקסען, און ער וואַקסט אין דער מיט פון אַ גרויסען יונגען וואַלד. אַלערליי בּוימער רינגלען איהם אַרום פון אַלע זייטען, נאָר ער איז העכער פאַר אַלע. פליהען פויגעל דורך, שטעלען זיי זיך צום ערשטען אָבּ אויף איהם. צווישען זיינע צווייגען זענען פיל נעסטען פאַרהאַן און אין די נעסטען ווערט געזונגען און געשאַלט. געהט־אויף די זון — פאַלען איהרע ערשטע שטראַהלען אויף זיין גריבּעם, בּלעטערדיגען קאָפּ... פערגעהט די זון — אונטען קריכען

שוין שאָטענס אַרום — אויף זיין קאָפּ שפּילען נאָך די שטראַהלען פון דער זון, וואָס פערגעהט. און ער נייגט זיין קאָפּ צו מערב, צום לעצטען אָבשיידס־וואונק... און דאָס ווינטעל, וואָס טראָגט זיך, צווישען טאָג און נאַכט, איבער בּאַרג און טאָל, ברענגט איהם דעם ערשטען גרוס, און אונטען, ביי זיינע פיס, וואַקסען יונגע בוימלעך... טוליען זיך צו איהם...

אַ בלויע זומער־נאַכט. אַ קיהלער טוי האָט אַלץ אָבגעפרישט נאָכ'ן הייסען טאָג. די יונגע בוימלעך זענען שוין אַלע אייַנגעשלאָפען, נאָר די עלטערע, די העכערע סוד'ען זיך נאָך איינער מיט'ן אַנדערן; קוקען צו די שטערען אינ'ם ווייטען שטילען הימעל... און פון אַלע זייטען קומען אָן וואַלד־גייסטער. וואַלד, מיידלעך מיט טונקעל־גרינע לאָקען שפּרינגען פון פיסטעריניש אַרויס. זייערע לאָקען וויקלען זיך, שלענגלען זיך אַרום זייערע טוי־פייכטע צאַפּעלדיגע קערפּער גליה־ווערימלעך פינקלען אין זייערע לאָקען, פינקלען און לעשען זיך, פינקלען און לעשען זיך. און די מיידלעך שוועבען, שלייכען זיך דורך צווישען די בוימער: איינע זוכט די צווייטע. איינע בעהאַלט זיך פאַר דער אַנדערער, און זייערע אויגען ברענען.—זיי טוליען זיך צו איהם, כאַפּען איהם אַרום מיט די שלאַנקע אָרעמס, קלעטערען איבער איהם; אָט זענען זיי צווישען זיינע צווייַגען, און די אויגען בליצען, זיי שפּרינגען פון צווייג צו צווייג, זעצען זיך אויס אויף זיין קרוין...

פלוצלינג שווימט אַרויס די לבנה און גיסט מיט שטראָמען זילבער־מאַטע שטראַהלען... כאַפּען די וואַלד־מיידלעך די שטראַהלען און ציהען זיי, ציהען פון דער בלאַסער לבנה אַרויס, און שפּינען זיי און פלעכטען געשווינד צווישען די דינע פינגער, און וויקלען די שטראַהלען אַרום זיך און וועבען נעצען ויס... און יאָגען זיך מיט די נעצען נאָכ'ן ווינטעל, וואָס האָט זיך שטיפּענ־דיג אין וואַלד אַריינגעשלייכט; דער ווינט רייצט זיך מיט זיי, גיט זיי אַ בלאָז צווישען די לאָקען, איבער'ן נאַקעטען לייב — און פערשווינדט. לויפען זיי איהם

נאָך מיט די נעצען, ווילען איהם פאַנגען, — בעהאַלט זיך דאָס ווינטעל צווי־שען זיינע צווייגען, קלעטערען די וואַלד־מיידלעך צוריק אויף זיין שטאַם אַרויף... אין דער רגע אָבער איז דאָס ווינטעל פערשוואונדען געוואָרען, און די וואַלד־מיידלעך בלייבען זיצען, פערטייען זיך צווישען זיינע צווייגען מיט די נעצען אין די הענט און וואַרטען, פערגאַפטע, אויפ׳ן ווינטעל, ער זאָל ווידער קומען רייצען זיך מיט זיי. און דערווייל איז איהם אַזוי ליעב — וואַרעם. די וואַלד־מיידלעך טוליען זיך צו איהם מיט די צאַרטע, אויפגערעגטע לייבער, פרעסען־צו זייער צאַפּעלדיגע ברוסט צו זיינע קיהלע בלעטער, און איינס נאָכ׳ן אַנדערען דרעמלען זיי איין, אַזוי זיצענדיג אויף דיינע צווייגען, בע־רוישטע, קינדעריש־פעשטיפטע, מיט די נעצען אין די הענט...

און די לבנה גיסט נאָך אַלץ פון דער הויך איהר בלאַסען שיין און די וואַלד־מיידלעך דרעמלען אַלץ אויף זיינע צווייגען, דריקענדיג זייער גרינע פּייכטע בלעטער צו זייערע לייבער..

אַלץ אַרום שלאָפט־איין. נאָר ער איינער איז וואַך. ער וואַכט און וואַרט ביז די זון וועט אויפגעהן. ער וועט דער ערשטער זעהן, ווי די זון וועט אויפגעהן. — — — — — — —

אַ טרוקענער צווייג, אויף וועלכען ס׳האָבען זיך צופיל קראָהען אָנגע־זעצט, האָט זיך מיט אַ טרוקענעם קנאַק אָבגעבראָכען. פּלוצלינג און מיט אַ מאָל האָבען זיך אַלע קראָהען אויפגעכאַפּט, און אויף אַלע זייטען מיט אַ צושראָקענעם קראַאַק־קראַאַק — צופלויגען...

— — — און דער איינזאַמער דעמב האָט נאָך אַלץ גע׳חלום׳ט...

ר ו י ז ע ן.

דריי רויזען, ווייסע רויזען, זענען אויף איין שטרויך געוואקסען און אין איין טאָג האָט זיי דער גערטנער אָבגעשניטען.

די ערשטע רויז איז שוין געווען רעכט פונאַנדערגעבליהט; איבערגע־זעטיגט האָט זיך איהר האַרץ מיט'ן ליכט פונ'ם טאָג און אויך ביינאַכט איז איהר האַרץ אָפען געבליבען; טיף און דורשטיג דעם טוי געאָטעמט. — איהר האָט דער גערטנער צווישען ווייסע כריזאַנטעמען איינגעפלאָכטען און אַ קראַנץ פאַר אַנ'אַלטע פרוי, וואָס איז געשטאָרבען, צו איהר לויה צוגעגרייט.

די צווייטע רויז האָט ערשט היינט בעגינען אויפגעוואַכט פון איהר בלומען־חלום און קינדיש איהר האַרץ פאַר די ערשטע זונענשטראַהלען גע־עפענט. איהר חלום האָט זיך נאָך געשפונען, ווען מען האָט זי אָבגעשניטען...

איהר האָט דער גערטנער צווישען גאָלדענע מאַרגאַריטען און שניי־ווייסע נעלקען איינגעפלאָכטען און אַ קראַנץ פאַר אַ כלה צו איהר חופה צוגעגרייט.

די דריטע רויז איז נאָך גאָר יונג געווען, האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבען פון קנאָספּ אַרויסצווויקלען. בלויז אין חלום האָט זי דאָס ליכט פון פריה־מאָרגען געזעהן און ווען דער ערשטער שטראַהל האָט אויף איהר האַרץ אָנגע־קלאַפּט, האָט זי גאָר ניט פערשטאַנען, וואָס עס בעדייט...

איהר האָט דער גערטנער צווישען הימעל־בלויע קאָרען־בלומען און קינ־דיש־נאַאיווע „פערגעס־מיך־ניט” איינגעפלאָכטען און אַ קראַנץ פאַר אַ קינד, וואָס איז געשטאָרבען, צו זיין לויה צוגעגרייט.

בלויז איין קנאָספּ, וואָס אין איהר איז נאָך גאָר אַ יונגע בלום געווען פערוויקעלט און גאָהנט צו דער ערשטער רויז געוואַקסען — איהר האָט דער גערטנער פאַרזיכטיג אויסגעמיטען און דאָס בלומען־קינד אויף דעם שטרויך געלאָזען.

ווען די בלומען אין זייערע קראַנצען זענען פערוועלקט געוואָרען און יעדער שפור לעבען אין זיי איז אויסגעגאַנגען, האָבען זיך זייערע נשמות אין דעם אייגענעם גאָרטען און אויף דעם אייגענעם שטרויך געטראָפען...

ס'איז געווען אַ לבנה־נאַכט. געדרעמעלט האָבען שטיל אַלע בלומען אין גאָרטען און איבער זיי האָט די לבנה איהרע בלאַסע שטראַהלען געגאָסען און געגאָסען. דאָס בלומען־קינד, וואָס דער גערטנער האָט אויפ'ן שטרויך איבערגעלאָזט, האָט זיך שוין אינגאַנצען פון איהרע גרינע בלעטלעך אַרויסגעוויקעלט, האָט זיך שוין פון דעם ליכט פון טאָג דערוואוסט; האָט זיך מיט'ן שמעטערלינג בעקאַנט און האָט געציטערט, ווען די בין האָט זשומענדיג זיך האַסטיג צווישען איהרע בלעטלעך מיט איהרע האָריגע פיסעלעך דורכגעשלייכט... איצטער האָט זי מיעד און צופרידען געדרעמעלט, לייכט פערשלאָסען, און אויף איהר האָבען געבלאַנקט ביים לבנה־שיין טוי־טראָפענס.

די נשמות האָבען זיך, יעדע אויף איהר פריהערדיגען אָבגעשניטענעם שטענגעלע, אַראָבגעלאָזען; שטיל, ווינקענדיג, האָבען זיי בעדויערט די אונשולדיגע רויז, וואָס שלאָפט נאָך אַזוי רוהיג און זיכער און ווייסט ניט, וואָס איהר וואַרט אין בעגינען...

— אפשר וועט מען זי מאָרגען אויך אָבשניידען, אויף אַ שאַרפען דראָט אָנשטעכען, צווישען נאַרישע כריזאַנטעמען אייגפלעכטען און לעגען ערגעץ אין אַן'ענגען, פערשטיקטען צימער און בעלויכטען מיט געלבע פלאַמען פון געלבע ליכט וועט זי דאָרט וועלקען, וועלקען...

אַזוי האָט די ערשטע נשמה בעדויערט.

— זי זעהט איצטער אויך געוויס דאָס אייגענע, וואָס איך האָב די לעצטע נאַכט אין חלום געזעהן... זונען־שטראַהלען האָבען זיך יעמאָלט אין מיין האַרצען אויף איבערנאַכט אָבגעשטעלט און ווען מען האָט מיך פון שטרויך

אָבגעשניטען און איך האָב אַ ציטער געטאָן, האָבען זיי זיך דערשראָקען, מיין האַרץ האָבען זיי פערלאָזען און מעהר זיך שוין צו מיר ניט אומגעקעהרט...

אַזוי האָט די צווייטע נשמה בעדויערט.

— און איך האָב נאָך יעמאָלט פון גאָרנישט געוואוסט — האָט די דריטע נשמה אָנגעהויבען — ווען איך האָב אויפגעוואַכט, בין איך שוין אין דעם דאָזיגען גאָרטען נישט געוועזען. איך בין שוין געוועזען געבונדען און אַרומגערינגעלט מיט ציטריגע, הימעל-בלויע בלימעלעך, וואָס האָבען ביז דער לעצטער מינוט אַלץ פון פעלד-פויגעלעך געשעפּטשעט, פון גאָלדענע פליגען געמורמעלט... און איך... איך האָב אַליין נישט געוואוסט, נאָך וואָס איך בענק און וואָס כ'האָב פערלאָרען...

פלוצלינג האָט די יונגע רויז פון שלאָף אַ ציטער געטאָן.

— זי וועקט זיך, זי וועקט זיך — לאָמיר שווייגען — האָט די ערשטע געזאָגט.

— ס'איז איהר לעצטע נאַכט, זאָל זי חלום'ען — האָט די צווייטע געזאָגט.

— זי האָט ווידער אַ ציטער געטאָן, לאָמיר שטיל זיין — האָט די דריטע געזאָגט.

פון ווייטען האָט זיך דערטראָגען דער נאַכטיגאַל-געטרילער. אין גאָרטען איז אַ שטילע, געהיימניספולע און פער'חלום'טע בעוועגונג געוואָרען צווישען די בלומען און פון שלאָף האָבען זיי זיך אַלע געצויגען אַהין, פון וואַנען דאָס געזאַנג איז אָנגעקומען — — —

— — —שטיל האָבען די נשמות דעם שטרויך פערלאָזען.

אינ׳ם ליליענבעכער.

א מעשה׳לע.

דריי לבנה־שטראַהלען האָבען זיך אַראָבגעלאָזען אין אַ ליליענבעכער אָנצוצינדען דאָרט די טוי־טראָפּענס, וואָס זענען אויפ׳ן דעק פונ׳ם בעכער איינגעפּאַסט געווען.

פלוצלינג האָבען זיי זיך אָנגעשלאָגען אָן אַ יונגע ביהן, וואָס האָט זיך אין בלום אַריין שלאָפען פערקליבען.

דערשפּירענדיג דאָס ליכט, האָט די ביהן פון שלאָף אַ ציטער געטאָן מיט איהר האָריג פיסעלע די אויגעלעך אויסגעווישט און געפרעגט:

— איז שוין טאָג? איך בין נאָך שלעפעריג.

— שלאָף נאָך, שלאָף; מיר זענען לבנה־שטראַהלען און אָנצינדען די טוי־טראָפּענס זענען מיר געקומען; פאַר וואָס אָבער ביזטו אין דיין ביהנשטאָק שלאָפען ניט געגאַנגען?...

— ניט בליצט מיר אַזוי אין די אויגען, — האָט זיך די ביהן געבעטען — איך בין ניט שולדיג, וואָס די אַלטע האָבען מיך היינט געשיקט צום ערשטען מאָל האָניג זאַמלען צווישען די בליטען פון די לינדענבוימער און האָבען מיר ניט דערצעהלט, אַז בלומען־גערטנער זענען פאַרהאַנען. אַזוי שוועבענדיג האָב איך דעם דאָזיגען בלומען־גאָרטען געטראָפען, מיט׳ן ווינטעלע האָב איך זיך פערשפּילט, דער טאָג איז אַריבער און איך האָב קיין האָניג ניט געזאַמעלט. איצטער האָב איך מורא אַהיים זיך אומצוקעהרען, די אַלטע זאָלען מיך ניט בעשטראָפען...

— ווילסטו, וועל איך דיר דיינע אויגען אָנצינדען און שוועב צו דיין ביהנשטאָק, וועט מען דאָרט מיינען, צו זיי איז אַ יונגע קעניגין געקומען, וועלען

זיי דאָרט פאַר דיר פריי דעם ביהנשטאָק עפענען? — אַזוי האָט דער ערשטער שטראַהל געזאָגט.

— ניין — האָט די ביהן געענטפערט — איך וויל בעסער פריי צווישען די בלומען אומשוועבען, איידער צו זיין אַ קעניגין און אין דעם פינסטערען ביהנשטאָק פערשפּאַרט צו זיצען.

— אונז האָט די מוטער, די לבנה, געשיקט די טראָפּענס אָנצוצינדען און בעלייכטען און, אַז די נאַכט וועט אַריבער, וועט זי אונז צו זיך צוריק רופען — ווילסטו, מיר זאָלען דיך שפּעטער צו אונז אויף דער לבנה אַרויפ־נעהמען? —

אַזוי האָט דער צווייטער שטראַהל געזאָגט.

— צו אייך, אויף דער לבנה? ניין, איך וויל ניט — האָט די ביהן גע־ענטפערט — אָ, ווען די זונענשטראַהלען וואָלטען מיך וועלען צו זיך אויף דער זון אַרויפנעהמען... אָ, די זון...

—ניט רעד פון דער זון, ניט רעד פון דער זון! — האָט דער דריטער שטראַהל געציטערט — אונזער מוטער האָט אָנגעזאָגט, מיר זאָלען איהר נאָמען ניט דערמאָנען און מיט איהרע שטאָלצע שטראַהלען זאָלען מיר זיך ניט שפּילען— קיינמאָל ניט שפּילען...

— ניט רעדט מיט איהר, ניט רעדט מיט איהר — האָט דער ערשטער שטראַהל דערשראָקען געציטערט.

— לאָמיר בעסער... טסס... זי שלאָפט, לאָמיר שווייגען — האָט דער צווייטער געווינקען. —

— טסס... זי שלאָפט, לאָמיר זיך פאַר אונזער אַרבייט נעהמען — האָט דער דריטער געבלאַנקט...

און שטיל האָבען זיי זיך גענומען איבער די טוי־טראָפּענס גליטשען —

— און בלומען וואַקסען דאָרט ביי אייך אויף דער לבנה? — האָט נאָך פון שלאָף די ביהן געפרעגט...

מען האָט איהר שוין מעהר ניט געענטפערט.

פון צוויי ברעגעס.

א מעשה׳לע.

צוויי בוימער זענען געוואַקסען, איינער קעגענאיבער דעם אַנדערען, נאָר צווישען זיי איז א טייך געלאָפען.

לאַנג זענען זיי געוואַקסען, יעדערער אויף זיין ברעג, איבער׳ן טייך זיך אַרויסגעהויבען, אין וואָסער האָט איינער דעם צווייטענס שאָטען דערזעהן און איינער האָט דעם צווייטענס שאָטען געליבט.

יאָהר איין יאָהר אויס, אויף צוויי ברעגעס געוואַקסען און פון צוויי בעזונדערע ברעגעס, איבער׳ן וואַסער איינער צום אַנדערען זיך געצויגען.

און איין מאָל, אין אַ פינסטערער, רעגענדיגער הערבסט-נאַכט, האָט זיך אַ ווינט-כוואַליע פון ערגעץ געבראַכט צו טראָגען, ווילד זיך פערגאַנגען, די בוימער אומגעארעמט און איינעם צום אַנדערען געבויגען און דערנעהנטערט:

אין דער פינסטערער שטורעם-נאַכט האָבען זייערע צווייגען זיך בעריהרט און זיך דערשפירט.

דער שטורעם איז פאראיבער און זיי ביידען צושיידט.

ביז טאָג האָבען זיי דעם שטורעם-ווינט געבעטען, ער זאָל וויעדער צו זיי קומען, אָבער אַלץ שטילער און שטילער איז געוואָרען. אַז די זון איז אויפגע-

גאַנגגען, איז דאָס וואַסער אין טייכעל שפּיגעל־גלאַט געלאָפען און די בוימער, נאָך מעהר פערבענקט, האָבען איינער דעם אַנדערענס שאָטען דערבליקט.

*

טאָג איין טאָג אויס — אַ נאַכט געקומען, אַ נאַכט פערשוואונדען — און ס'ווייסען קיין רוה נישט די בוימער.

שטאַרקער און שטאַרקער איז געוואָרען זייער בענקען און ביידע האָבען אין האַרצען תּפילה געטאָן צום שטורעם־ווינט, ער זאָל ווידער קומען און ווידער זיי דערנעהנטערן. אָבער אַנ'אַנדער וואונדער איז געשעהן — אין אַ הערבסט־נאַכט איז עס פערלאָפען:

דער טייך האָט פלוצלינג אין זיך נייע כחות דערשפירט. פלוצלינג אָנ־געהויבען צו וואַקסען און זיינע אַלטע ברעגעס זענען איהם ענג געוואָרען.

געקומען איז עס פון דעם, וואָס ערגעץ ניט וויט האָט זיך אַ צווייטער טייך צום ים פערבענקט. ער האָט דעם ים אין חלום געזעהן און צו איהם זיך פערבענקט. און צורייסענדיג בריקען און גרעבליעס, האָט ער דורך פעלדער און וועלדער געשטראָמט, אין צווייגען זיך צופלאָסען און ווידער זיך פעראייניגט, ביז ער האָט אינ'ם נאָהנטען טייך אַריינגעשטראָמט, צונויפגעגאָסען זיך און מיט דאָפּעלטע קרעפטען צום ים געשטרעבט...

דאָפּעלטע קרעפטען, און דאָפּעלט אונרוהיג.

און דער שפּיגעל פון וואַסער האָט געציטערט און געציטערט, מאַכענדיג ציטערן דאָס האַרץ פון די צוויי בוימער. ביידע האָבען אין דער שטיל אָנגע־הויבען צו שפּירען: די שעה קומט און זיי וועלען זיך דערנעהנטערן.

און דעם טייך ווערט אַלץ ענגער און ענגער צווישען זיינע אַלטע ברעגעס. ער וויל זיין וועג זיך ברייטער צומאַכען. ער שוויינקט, רייסט און גראָבט

און טײלען פון אַלטען ברעג פאַלען אײן און זײער אָרט װערט מיט װאַסער פערנומען.

— — — — — — און אײן מאָל אין אַ פינסטערער נאַכט זענען די צװײ בױמער אײנער דעם אַנדערן אין די אָרעמס אַרײנגעפאַלען.

דאָס װאַסער האָט זיך אונטער זײערע װאָרצלען פערקליבען. װאַסער־גײסטער האָבען פלינק, מיט אַ נאַאיװען װאַסער־קלאַנג, צװישען די װאָרצלען געגראָבען און זײ פון דער ערד בעפרײט; פון דער ערד אַרױסגעװאַשען, און געקניפּט אײנער צום אַנדערען זענען די צװײ בױמער אין רעכטען מיטען שטראָם אַרײנגעפאַלען.

און געקניפּט אײנער צום אַנדערען, האָט זײ דער שטראָם אין ברײטען ים אַרײנגעטראָגען.

די בלינדע בעטלערין.

קינדערשעס.

װאוהין פיהרט איהר מיך, שטילע, ליבע זומער־אָװענדען?!..

איך בלאָנדזשע אום הינטער דער שטאָדט, ערגעץ אויפ׳ן װעג, װאָס פיהרט צו אַ בית־עולם. אַ קרומער װעג קלײבט זיך דורך צװישען פעלדער און איז מיט גראָז בעװאַקסען.

גאַנץ לאַנגזאַם געהען דאָ מענשען איבער דעם װעג און די גראָז איז גאַנץ געבליבען. פון װײטען, אין אַ טאָל, זעהט זיך אַ בית־עולם, איבערגעדעקט מיט אַ געדיכטען שאָטען און מיט אַ הויכען צוים אַרומגערינגעלט:

געשלאָסען זענען איצט זיינע טויערען פאַר לעבעדיגע און טויטע.

און ביי׳ם זייט וועג, אונטער אַ בוים, מיט׳ן פנים צום בית־עולם, זיצט אַנ׳אַלטע בעטלערין, איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצער טוך. דאָס פנים איינגעשרומפּען און גרויס ווי אַ פויסט. זי זיצט איינגעבויגען מיט אַנ׳אויסגעשטרעקטער האַנט און מיט אַ שטיל־ציטריגע שטימע זינגט זי איהר בעטלער־תפילה.

דאָס איז אַ שטימע פון אַנ׳אַלטע פרוי, וואָס האָט זיך צוריק צו איהר קינדהייט אומגעקעהרט, און אָנשטאָט צו וויינען קינדיש, זינגט זי מיט אַ דינע שטימע פון אַ קליין קינד, וואָס ליגט נאָך אין וויג. בלינד איז זי און ווייסט ניט אויף קלאָר, צי די זון איז שוין פערגאַנגען.

איך לאָז מיך שטיל אַראָב ניט ווייט פון איהר אונטער אַ צווייטען בוים.

פּלוצלינג האָבען זיך דערהערט טריט, קינדערשע באָרוויסע טריט. מיט׳ן וועג פון בית־עולם איז אַ קינד געלאָפען אין אַ ווייס קליידעלע, גלייך צו דער בעטלערין איז עס געלאָפען און געוואָרפען זיך דער אַלטער אויפ׳ן האַלז. און די בלינדע אַלטע, וואָס האָט איהרע גאַנצע טעג בלוי׳ז תפילות געזונגען מיט אַנ׳אויסגעשטרעקטער האַנט, ביי׳ם זייט וועג זיצענדיג — האָט פעסט דאָס קינד אַרומגענומען און מיט אַ זינגענדיגער שטימע אָנגעהויבען:

— די מאַמע ט׳דיך נישט געזעהן?

— כ׳האָב זיך שטיל פון בית־עולם אַרויסגעמאַכט.

— שוין רעכט פינסטער אַרום?

— מיט שטערענדלעך דער הימעל פול.

— שיינט די לבנה אין הימעל?

— נאָר די שטערענדלעך לויכטען.

און די בלינדע בעטלערין האָט דאָס קינד אונטער דער טוך אַרונטער־גענומען.

— דער טויער פון בית־עולם פערמאַכט?

— ס׳האָט איהם דער טאַטע פערשלאָסען.

— נאַ דיר, מיין קינד, אַ לעקעכיל. ס׳האָט מיר איהם אימיצער אין דער האַנט געלעגט. כ׳האָב עס אַ לעק געטאָן, זיס איז עס. היינט האָט מען אויפ׳ן בית־עולם קיין קברים ניט געגראָבען; מאָרגען וועט שוין ווידער קיינער מיט׳ן וועג ניט דורכגעהן, און איך וועל אומזיסט דעם גאַנצען טאָג ביים וועג אָבזיצען.

— אז דו וועסט שטארבען, באָבע, וועל איך בעטען מיין טאַטען, ער זאָל לאָזען אַ טירעלע אָפען צו דיר אין קבר אַריין און איך וועל קומען צו דיר...

שטיל. פון הימעל האָבען זיך מיט אַמאָל צוויי שטערענדלעך ארויסגעריסען און פאַלענדיג אין דער פינסטערער נאַכט אַריין האָבען זיי געלאָזען הינטער זיך צוויי פייערדיגע שנירעלעך.

דאָס קינד האָט אַ ציטער געטאָן און צוגעטוליעט זיך צו דער אַלטער.

— וואָס איז, מיין פויגעלע?

— צוויי שטערענדלעך זענען פון הימעל געפאַלען...

— די שטערענדלעך זענען אויגעלעך פון מלאכים.

— צוויי שטערענדלעך זענען געפאלען; אַ מלאך׳ל אויףביידע אויגעלעך איז בלינד געוואָרען... דיינע אויגעלעך האָבען אַמאָל אויך ווי שטערענדלעך געלויכטען?

די אַלטע האָט דאָס קינד נאָך בעסער צו זיך צוגעטוליעט און האָט אָנגעהויבען:

— אין אַ טיפֿען קעלער האָט מען מיך געבאָרען. גאָלדענע הערעלעך האָב איך געהאַט און אויגעלעך ליכטיגע, ווי די צוויי שטערענדלעך. די אויגעלעך זענען געווען צו דער מאַמעס געגליכענט און די הערעלעך אין טאַטענס געראָטען.
האָבען זיך שטענדיג געקריגט דער טאַטע מיט דער מאַמען, שטעהענדיג בײַ מיר צוקאָפּענס:
— „די אויגעלעך ווי מײַנע! נאָר מיך וועט זי ליעב האָבען" — האָט די מאַמע געזאָגט.
— „די הערעלעך זענען מײַנע און מיך וועט זי ליעב האָבען — האָט דער טאַטע געזאָגט.
„נו לאָ'מיר בײדע וואַרטען ביז אונזער קינד וועט אָנהויבען רעדען, וועלען מיר עס פרעגען" — האָבען זיי בײדע אויסגעשריען.
אַ מאָל האָט זיך דער טאַטע מיט דער מאַמען איבער דעם אַזוי שטאַרק צעקריגט, בײדע זענען פון שטוב אַרויסגעלאָפען און בײדע האָבען די קעלער־טיר אָפען געלאָזט. איז אַרײַנגעקומען אַנ'אַלטע בעטלערין און האָט מיך פון וויגעל אַרויסגענומען.
האָב איך אָנגעהויבען ווײנען, האָט זי מיר אַ לעקעכיל אין מויל אַרײַנגע־לעגט און איז מיט מיר אין אַ וואַלד אַרײַנגעלאָפען. דאָרט האָט זי מיך איבער די הערעלעך געגלעט און מײַנע גאָלדענע ליכטיגע אויגעלעך געקושט. זי האָט געקושט און געביסען און געזאָגט:
„גאָלדענע אויגעלעך, ליכטיגע שטערענדלעך, קומט אַרויס, קומט אַרויס".
איך האָב אָנגעהויבען ווײנען און זי האָט מײַנע טרערען אויסגעטרונקען און אַלץ געזאָגט:
„אויגעלעך ליכטיגע, שטערענדלעך גאָלדענע, קומט אַרויס, קומט אַרויס"... — — — —

און קושענדיג האָט זי מיר די אויגעלעך ארויסגענומען. דערנאָך איז זי מיט מיר ערגעץ אין אַ ווייטען וועג געלאָפען, ביז זי איז מיעד געוואָרען, האָט זי זיך ביי׳ם זייט וועג געזעצט, מיך צום האַרצען געטוליעט און האָט געזונגען:

שענקט אויף מילך פאַר אַנ׳אָרים קינד.

שענקט אויף מילך פאַר אַ בלינדע קינד.

— און דיינע גאָלדענע הערעלעך וואו זענען? — האָט דאָס קינד גע־פרעגט דערשראָקען.

— מיינע גאָלדענע הערעלעך... קיינער האָט וועגען זיי ניט דערמאָנט, האָב איך פערגעסען, אַז כ׳האָב אַ מאָל גאָלדענע הערעלעך געהאַט... איצט איז מיין קאָפּ הויל... זעהסט?

שטיל. פון אַ בוים איז אַ בלעטעלע אַראָבגעפאַלען און אָן דער ערד זיך אָבגעקלאַפּט.

— זעהסט, באָבע, אַ בלעטעלע איז געשטאָרבען. — האָט דאָס קינד גע־זאָגט — כ׳האָב מורא, בלעטעלעך פאַלען פון די בוימער אַראָב. היינט, באָבע! זאָלסטו ניט שלאָפען הינטער׳ן טויער פון בית־עולם. איך וועל דעם טאַטען בעטען, ער וועט דיך אויפ׳ן בית־עולם אַרויפלאָזען. קום, איך וועל דיך פיהרען.

און ווי אַ פויגעלע פון איהר נעסט איז דאָס קינד פון אונטער דער אַל־טערס מוך אַרויסגעלאָפען און זי פאַר׳ן האַנד גענומען. מיט קליינע און שנעלע טריט איז די אַלטע דעם קינד נאָכגעגאַנגען מיט׳ן וועג, וואָס פיהרט צום בית־עולם, און ס׳איז אין דער פינסטער שווער געוועזען אונטערצושיידען, ווער פון וועמען איז גרעסער, ווער פון וועמען איז עלטער...

פון הימעל האָבען זיך ווידער מיט אַ מאָל צוויי שטערענדלעך אַרויסגע־ריסען און פאַלענדיג געלאָזען הינטער זיך צוויי ליכטיגע שנירעלעך פייער...

געפאַלענע שטערן.

„ווי די זון וויל איך גרויס און ליכטיג זיין; ווי זי וויל איך לייכטען אויף מיין אויפגאַנג און אונטערגאַנג זאָל די גאַנצע נאַטור וואַרטען —

ווי די זון וויל איך וועלטען אויסוואַנדערן, איך וויל שוין מעהר ניט זיין אין הימעל־בלוי איינגעפאַסט".

אַזוי האָט אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט אַ שטערענדעל געציטערט און פאַר דער מוטער לבנה זיך בעקלאָגט.

די לבנה איז נאָך בלאַסער געוואָרען און גאָר ניט געענטפערט.

האָט עס אַ צווייט שטערענדעל דערהערט און זיך צום ערשטען גע־ווענדעט:

— לאָמיר זיך פון הימעל אַרויסרייסען און אַליין פאַר זיך פון דאַנען דעם וועג מאַכען.

אָבער ווי נאָר זיי האָבען זיך פון הימעל אַרויסגעריסען, האָט זיך פאַר זיי דער פינסטערער אָבגרונד געעפענט, וואוהין זיי זענען אַלץ טיפער און שנעלער געזונקען.

האָבען די פערבליבענע שטערן דערזעהן די שנירעלעך פייער, וואָס די געפאַלענע האָבען הינטער זיך געלאָזען, האָבען זיי איינער צום אַנדערען ווינקען אָנגעהויבען:

— זעהט נאָר, ווי שען איז זייער וועג! לאָמיר אויך אַזוי...

און איינציגווייז פון הימעל זיך געריסען.

*

אַז איהר זעהט אַמאָל ביינאַכט, שטערען רייסען זיך פון הימעל־בלוי

און פאַלען אין דער נידער — ווייסט: דאָס זענען שטערען, וואָס האָבען דער זון מקנא געווען און ווי זי געוואָלט גרויס און ליכטיג זיין.

ביים זונפערגאַנג.

די זון האָט שוין כמעט אַלע איהרע שטראַהלען אויפגעזאַמעלט און גע־קליבען זיך צו פערגעהן.

און אין דעם שאָטען פון אַבלוי־ווייסע כריזאַנטעמע איז געלעגען אַ שמעטערלינג, גוסס, און געוואַרט אויף דער לעצטער רגע. פלוצלינג האָט זיך אַ פאַרשפעטיגטער שטראַהל פון בלום אַראָבגעגליטשט און אויף דעם גאָלד־בעשפרענקעלטען פליגעלע פון שמעטערלינג געפאַלען. דער שמעטערלינג האָט ווי אויפגעוואַכט אויף אַ ווײַלע און שטיל, מיט די לעצטע קרעפטען אָנגעהויבען:

„דאָרט, אין דעם אַנדערען עק גאָרטען... וואו ס׳וואַקסען די גרויסע שאָטענדיגע לינדענבוימער, ניט ווייט פון צוים, בליהט אַנ׳איינזאַמע רויז. ערשט היינט האָט זי איהר האַרץ געעפענט... פינסטער איז איהר דאָרט... פערשטעלט איז דאָס ליכט פון איהר... האָב איך דעם גאַנצען טאָג מיינע שוועסטער געזוכט, און אַזוי איז מיין לעבען אַריבער: כ׳קען זי שוין מעהר ניט זעהן... מאָרגען בעגינען וועסטו ווידער אויפגעהן, זוך זי דאָרט... בעלייכט איהר דאָרט דעם פינסטערען ווינקעל... זאָג איהר: מיין גאַנצען לעבען האָב איך וועגען איהר געטראַכט און דער לעצטער חלום מיינער איז זי געווען“...

— די רויז דאָרט, נעבען די לינדענבוימער... — האָט דער שטראַהל

געענטפערט, — איך האָב דאָך היינט בעגינען דער ערשטער אויף איהר האַרץ אָנגעקלאַפּט, ווען זי האָט נאָך פון דער נאַכט אַ בעטויעטע געדרעמעלט. איך האָב דער ערשטער איהר האַרץ געעפענט. אַרום האַלבען טאָג נאָך האָט זי דער גערטנער אָבגעשניטען און זיין אלטען הער דערלאַנגט. נאָר דער הער זיינער, ניט האָבענדיג וועמעס בוזים מיט דער בלום צו בעצירען, האָט ער מיט איהר זיין עס־טיש בעפּוצט, וואו זי איז פערוועלקט געוואָרען...

די לעצטע ווערטער האָט שוין דער שמעטערלינג ניט געהערט און דער שטראַהל האָט געאיילט די זון צו דעריאָגען.

אין געפּענגניש.

— ברודערל ליכטיגער, ברודערל מיינער, וואָס ציטערסטו אַזוי? וואָס ביזטו אַזוי בלאַס? — האָט איין שטראַהל דעם צווייטען געפרעגט נאָכדעם, ווי זיי האָבען זיך אַ טאָג ניט געזעהן.

האָט דער שטראַהל דערצעהלט:

„נעכטען פאַרנאַכט האָב איך זיך ערגעץ אין אַ בלומען־גאָרטען צווישען די בלעטעלעך פון אַ רויטער רויז פערקליבען. בין איך פון דעם רויזען־דופט שיכור געוואָרען און דעם וועג צום אַרויסגאַנג ניט געטראָפען. און ווען ס'איז פינסטער געוואָרען, האָט זיך די רויז איינגאַנצען פערמאַכט און מיך אין איהר האַרצען פערשלאָסען. פּלוצלינג האָב איך דערשפּירט, ווי די רויז האָט אַ ציטער געטאָן, און ס'האָט זיך דערהערט אַנ'אונרוהיג קלאַפּען פון אַ האַרץ. כ'האָב דאָס אונרוהיגע, צערטליכע קלאַפּען פון אַ מיידעל־האַרץ דערקענט און האָב פערשטאַנען: דאָס האָט אַ יונגלינג די רויז געריסען און אויפ'ן ברוסט פון זיין

געליבטער געהאַנגען. וואָס ווייטער איז געווען, געדענק איך שווער. אַנטשלאָפען בין איך געוואָרען. נאָר ווען כ׳האָב אויפגעוואַכט, האָב איך דערשפּירט, איך געפין מיך גאָר אינ׳ם האַרצען ביי דער מיידעל. פון דעם האַרצען האָב איך גלייך אין איהרע אויגען פערבלאָנדזשעט. דורכ׳ן אויגען-נעץ האָב איך שוין די פרייע וועלט געזעהן, נאָר געפאַנגען בין איך געווען.

די מיידעל איז אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען ביי׳ם פענסטער פון איהר איינזאַמען צימער און געוואַרט אויף איהר געליבטען, וואָס האָט איהר די בלום געבענדיג צוגעזאָגט ביינאַכט אין פענסטער אָנצוקלאַפען, נאָר ערשט ביי׳ם פריהמאָרגען איז ער געקומען. און קוקענדיג אויף איהר געזיכט האָט ער אויסגעשריען:

— ווי לייכטען דיינע אויגען אין בעגינען!
און צו איהר זיינע הענט אויסגעשטרעקט.

די מיידעל האָט גאָרניט געענטפערט. מיעד פון ערוואַרטונג האָט זי זיך פונ׳ם פענסטער אַרויסגעבויגען, אַרום זיין האַלז געקניפּט און שטיל זיך צעוויינט...

און מיט די טרערען בין איך אויף דער פרייער וועלט אַרויס...״

❦

אַ בוים.

נעבען מיין היים איז אַ טייך געווען און אַרום טייך האָבען וויינענדיגע ווערבעס געוואַקסען, איבערגעבויגען אין וואַסער אַריין. מיט גרינע אַראָבגעלאָזענע צווייגען, ווי לאָקען אַרום אַ גרויסען קאָפּ צעוואָרפען, האָבען זיי זיך גע-

הוידעט איבער׳ן שפיגעל פון וואַסער. אין הערבסט פלעגען זיי טרערען פער־גיסען. און די טרערען זענען אין טייך אַריינגעפאַלען.

צווישען די ווערבעס איז געוואַקסען אַ הויכער אָליכען־בוים. מיט זיין שוואַרצען שטאַם האָט ער געמיינט ביז צו די הימלען אַרויסוואַקסען און אויף זיינע פעסטע, צעוואָרפענע שוואַרצע צווייגען האָבען זיך געוויגט טונקעל־גרינע פעטע בלעטער. פערבאָרגענע קראַפט האָט זיך גערעגט אונטער זיין שוואַרצער הויט. און דאָך, ווען ס׳איז געוואָרען אַ ווינט אין דרויסען און די בוימער האָבען זיך גענומען וויגען אויף אַלע זייטען, האָט דער מעכטיגער בוים קרעכצען אָנגעהויבען.

אין די שטורמישע נאַסע אָסיען־נעכט האָט מען געקענט מיינען, צווי־שען די בוימער קרעכצט אַ פערוואונדעטער. צייטענווייז האָט עס מיט געוויין געקלונגען און כ׳האָב געמיינט, אימיצער וויינט פון וואַסער אַרויס, אָדער אַ קליין קינד איז אין דעם בוים פערשפאַרט און ס׳קען ניט אַרויס די ליכטיגע וועלט זעהן — וויינט עס.

אַמאָל איז דאָס קרעכצען געווען עהנליך צום קרעכצען פון אַנ׳אַלטען מאַן, וואָס האָט אין זיך די גאַנצע יוגענד בעהאַלטען און דאָך מוז ער שטאַרבען און די יוגענד וויינט עס פון דעם אַלטען קערפער אַרויס...

— וואָס וויינט דער בוים? — האָב איך אַמאָל מיין מוטער געפרעגט.

זי האָט געשוויגען. צו נאָהנט איז איהר געווען צום האַרצען דאָס לעבען פון די בוימער.

— וואָס וויינט דער בוים?—האָב איך מיין פאָטער געפרעגט.

— דאָס סקריפּעט ער — האָט מיין פאָטער שמייכלענדיג געענטפערט.— ער איז צופלאַצט; פון אַ שטורעם אָדער אַ דונער, האָט ער אין רעכטען האַרצען אַ פלאַץ געקריגען.

און אַז איך בין שפּעטער אין יאָהרען אַרום צו יענעם אָרט ווידער געקומען, האָב איך שוין יענעם בּוים ניט געפונען. אויף זיין אָרט זענען קיילעכדיגע, צאַרטע, שלאַנקע אָליכען-בּוימלעך געוואַקסען און צווישען זיי האָט זיך געשוואַרצט נידריג בּיי דער ערד אַ בּרייטער אָבגעהאַקטער צופלאַצטער שטאַם.

דער פערשאָלטענער שפּין.

איך קען אַ הויז אין דער טיף געוועלבּט, נאַס און פינסטער איז דאָרט שטענדיג, און מענשען וואוינען דאָרטען. און זיפצען רייסען זיך דאָרט פון די הערצער בּיי די מענשען, טרערען קייקלען זיך דאָרט פון אויגען אין דער שטיל, פאַלען אָהן אַ ציל און אַ בּעטייט...

איז אַ טרער, אַ פּערעל-טרער, פון אַ מוטערס אויג געקוואָלען, איבּער'ן בּאַק זיך געקייקעלט, אַ רגע זיך פערהאַלטען אין דעם יסורים-קנייטש, וואָס בּיים מויל-ווינקעל – אַ טייל פון דער טרער האָט אַ פליג געטרונקען און דאָס איבּעריגע איז צו דער ערד געפאַלען.

אַ קערענדעל, ווען עס פאַלט צו דער ערד אַראָבּ, און דער ווינט פערטראָגט איהם און פערדעקט איהם מיט שטויבּ, פּרוכפּערט ער זיך און בּליהט ווידער אויף; טרערען אָבּער לאָזען אויף די בּאַקען צייכענס, אונטער די אויגען – שפּורען. פאַלען זיי צו דער ערד אַראָבּ ווערט זייער שפּור אויף אייבּיג פערלאָרען.

נאָר די פליג, די אונשולדיגע פליג, וואָס האָט פאַר דורשט פון דער מוטערס טרערען געטרונקען – – – אָ, ווערה צו דעם וואָס וויל מיט מוטערטרערען זיין דורשט לעשען...

דער פליג איז דאָס לעבען שווער געוואָרען; די וועלט פינסטערער געוואָרען. די פליגלען בעוועגען זיך ניט. צו לאַסט איז איהר געוואָרען דער טאָג און די נאַכט האָט קיין רוה ניט געבראַכט.

— — — האָט זי זיך אין שפּינוועבס אַריינגעוואָרפען, וואָס איז געווען אין אַ פינסטערען ווינקעל פערצויגען.

שפּינען ווייסען ניט קיין אונטערשייד, אויב זייער רויב פאַלט אין נעץ אַריין מיט געוואַלד, אָדער מיט'ן גוטען ווילען ברענגט מען זיי דאָס לע־בען פאַר אַ קרבן.

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — און נאָך ניט צו זאַט האָט דער שפּין פון זיין קרבן גענאָגט— און שוואַך איז איהם מיט אַ מאָל זיין געמיט געוואָר'ען, און לאָזענדיג אין מיטען נעץ זיין קרבן, נאָך האַלב בּיי'ם לעבען, האָט ער מאַכטלאָז און טרויעריג צוריק צו זיך אין ווינקעל זיך אומגעקערט. מעהר האָט ער זיין ווינקעל קיינמאָל ניט פערלאָזען.

ציטערט־אויף די נעץ פון נייעם פליגען־רויב און ער זיצט אין זיין פינסטערען ווינקעל שטום.

אַמפּערען זיך זיינע קרבנות אין זיינע אַלטע נעצען, שלאָגען זיך פון די כחות אַרויס און שטאַרבען — און דער פערשאָלטענער שפּין זיצט און קוקט צו דעם אַלעמען שטום און ריהרט זיך פון זיין אָרט ניט.

לעבען קען ער ניט און זיין טויט איז ווייט פון איהם...

דער מוטערס טרערען און א שמעטערלינג.

אַ מעשה׳לע.

אין ענגען קעלער־שטוב האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. אַ קליין לעמפעל האָט מיט זיין רויטען, מידען שיין די שטילקייט נאָך שווערער געמאַכט. און נעבען איהר קינדס וויגעלע איז געשטאַנען אַ יונגע מוטער, צו איהר קינד איבערגעבויגען.

איהר געזיכט האָט אויסגעדריקט שרעק און אונרוהיגקייט. מיט אַנ׳אַיינגעהאַלטענעם אָטעם האָט זי געקוקט צו איהר קינד, ווי פון זיין מיילכעלע בלעזעלט זיך אַ ווייסער שוים.

און אויפ׳ן שטריק, איבער׳ן וויגעלע, איז אין דער צייט א ווייס און בלוי־געשפרענקעלטער שמעטערלינג געשטאַנען. אונבעוועגליך איז ער געשטאַנען, גלייך ווי ער וואָלט געווען צוגעקלעבט צום שטריקעל פון וויג.

אַזוי איז עס דער גורל פון אַ שמעטערלינג אויסגעפאַלען אין יענעם טאָג, דורך אַ צובראָכענער שויב, פון קליינעם פענסטערעל, אינאיינעם מיט׳ן מאָרגענליכט, אין קעלער־שטוב צו פערבלאָנדזשען.

פלוצלינג האָט דער שמעטערלינג אַ פלאטער געטאָן מיט זיינע פליגעלעך און איז אַוועקגעפלויגען.

די מוטער האָט אויפגעציטערט און נאָך מעהר צום וויגעלע זיך איבערגעבויגען:

דאָס קינד איז אויסגעגאַנגען — — — — —

אַ שטומער וועהטאָג האָט איהר געזיכט פערקרימט. ווי אַ צושראָקענע טויב האָט זי זיך איבער׳ן וויג געוואָרפען, זי האָט זיך די באַקען געקנייפט און די האָר פון קאָפּ געריסען און פאַר שרעק איז זי שטום געווען.

דאָס קינד איז אויסגעגאַנגען.

— — — — — — — אויף מאָרגען האָט מען דאָס קינד פון שטוב צוגענומען. די מוטער האָט נשמה-ליכט אָנגעצונדען, און אויף דעם קליינעם פענסטערל, וואָס אין וואַנט איינגעגראָבען, האָט זי אַ גלאָז ריינע וואַסער אַנידערגעשטעלט פאַר איהר קינדס נשמה'לע זיך צו באָדען.

אַז די נשמה'לע איז די ערשטע נאַכט זיך באָדען געקומען, האָט זי אויפ'ן ראַנד פון גלאָז געטראָפען שטעהענדיג דעם שמעטערלינג, וואָס האָט איבער'ן וויגעלע געוואַכט, ווען דאָס קינד איז אויסגעגאַנגען.

זיי האָבען זיך ביידע דערקענט.

— ערשט איצטער ביזטו געקומען — האָט דער שמעטערלינג אָנגעהויבען — ווען אין שטוב איז שטיל געוואָרען און די מוטער האָט שוין איהרע גאַנצע טרערען אויסגעוויינט, זי ליגט דאָרט ווי אַ טויטע, ניט האָבענדיג שוין מעהר קיין כח צו וויינען. וואו ביזטו פריהער געווען, ווען די לופט האָט דאָ פון געוויין געציטערט?...

— און איצטער?

— איך האָב עס שוין מעהר ניט געקענט פערטראָגען. איך האָב מיר שוין געוואָלט דאָ אין וואַסער דאָס לעבען נעמען, איז זי אַנטשוויגען געוואָרען, ווען איך האָב זיך אויפ'ן ראַנד פון גלאָז אָבגעשטעלט... האָסט געמאַכט, דער מוטערס טרערען זאָלען דאָ אַזוי פיל פערגאָסען ווערען. און איצטער ביזטו געקומען זיך באָדען אַהער!..

— די מוטער אַליין האָט דאָך ס'וואַסער פאַר מיר דאָ געשטעלט, איך זאָל מיך דערין באָדען — האָט די נשמה געענטפערט — און אַז כ'וועל מיך זיבען נעכט דורכאַנאַנד אינ'ם וואַסער באָדען, ערשט יעמאָלט וועל איך גענוג לויטער זיין, און אויף דער אַכטער נאַכט, ווען דער מלאך וועט אין הימעל

אַריין די נשמה פון מיין מוטער צום נעכטיגען ברענגען, וועל איך זיך קענען מיט איהר בעהעפטען און אַזוי וועל איך ווידער אָנהויבען צו לעבען אין דער נשמה פון מיין מוטער...

— פאַר וואָס אָבער האָט די מוטער אַזוי פיל געוויינט?

— אין הימעל בעדאַרף מען האָבען דער מוטערס טרערען — האָט די נשמה געענטפערט — גאָט בעדאַרף האָבען דער מוטערס טרערען. די טרערען קלייבען זיך פאַר איהם אין אַ גרויסען ברונעם פון הימעל־געוועב און מיט פינקלענדיגע שטערענדלעך אויסגעפלאַסטערט, און אין דעם טרערען־ברונעם האָט גאָט ליב יעדען פריהמאָרגען זיין פנים צו שפיגלען.

דער שמעטערלינג איז אַנטשוויגען געוואָרען אויפ'ן ראַנד פון גלאָז שטע־הענדיג און די נשמה'לע האָט זיך אינ'ם ריינעם וואַסער אַראָבגעלאָזען.

ווען זי האָט זיך אויסגעבאָדען, האָט זי צום שמעטערלינג געזאָגט:

— זיי וויסען, דו האָסט דער איינציגער זוכה געווען פון דעם סוד זיך צו דערוויסען, ווייל דיך האָט אַזוי דער מוטערס געוויין געריהרט. און זעה, דו זאָלסט קיינעם פון דיינע ברידער דעם סוד ניט איבערגעבען...

אויף מאָרגען, אַז די מוטער איז אויפגעשטאַנען און געוואָלט דאָס וואַסער אין גלאָז איבערבייטען, האָט זי אַ דערטרונקענעם שמעטערלינג אין וואַסער געפונען...

ה) יוגענד ·

יוגענד.

צום ברייטען וועג.

י ו ג ע נ ד .

(אַ מעשה'לע)

אין אַ גרינעם טאָל, גאָר איינזאַם,
ביי אַ ליכטיג, רוישיג וואַסער,
האָט געבליהט אַ בוים גאָר פּרעכטיג,
האָט געלעבט אַ שענער יונגלינג.

אויף די וואַסער־כוואַליעס, איינזאַם,
האָט געציטערט שטיל זיין שאָטען;
און עס האָט זיין בליק געשמייכעלט
צו דעם ליכטיגען פריהמאָרגען.

מיט די גרינע, פעסטע פלאַנצען
איז זיין שטאָלצער וואוקס געשטויגען;
ווי דער טאָג אין זיין בעגינען
איז זיין יוגענד אויפגעגאַנגען.

ווי דעם טאָג אין זיין בעגינען,
פול מיט יוגענד, מלאך־שירה,
ט'אָנגעפילט זיין ריינעם האַרצען
הימעל־שענקייט גאָט דער ליבר.

אין זיין ליכטיג, יונגען האַרצען,
ווי אין גרויסען צויבער־פּאַלאַץ,
אָנגעפּילט האָט גאָט דער ליבער
טרוימען־בילדער — הימעל־קינדער.

און געוואַקסען איז אין פּאַלאַץ
צוואַנציג טויזענד שטאָלצע ריזען;
צוואַנציג טויזענד זונען־טרעגער;
מחנות, מחנות שירה־זינגער.

און געקוואָלען איז אין האַרצען
מאָרגען־שטימען, האַרמאָניען —
טעגליך, טעגליך איז געוואַקסען
אָט דער גרויסער האַרצענס־פּאַלאַץ.

ס׳האָט געוואָבען דער פריהמאָרגען
זיינע נעצען איהם צו פאַנגען —
זיינע נעצען, שטראַהלען־נעצען
מיט געזאַנגען איינגעהאָפטען.

און דאָס ליכט פון יוגענד־האַרצען
האָט געפּלייצט פון איהרע ראַנדען —
ביז דאָס גרויסע, געטליך פייער
האָט געשטראַהלט פון זיינע אויגען.

„פאָרווערטס!" „העכער!" — האָט אַ שטים איהם
אין זיין האַרצען אויסגערופען —
„טאָל און נידער אייביג גרינען,
ווען דאָס ליכט פון הויך זאָל שטראַהלען!"

און דאָס רופען, ווי מיט שופרות
פון אַ שטורעם-ווינט געבלאָזען —
האָט פון אָרט איהם אָבגעריסען,
פון דעם טאָל — די שענע יוגענד.

און דער גרויסער „צויבער-פּאַלאַץ"
האָט דעם גרינעם טאָל פערלאָזען —
צוואַנציג טויזענד זונען-טרעגער
האָבען העל זיין וועג בעלויכטען...

*

אין אַ טיפען, נאַסען קעלער,
איינגעהילט אין שאָטען-שלייער
האָט געלעבט אַנ'אַלטער טרוימער
טיף זיין רוקען איינגעבויגען.

אין דעם טיפען קעלער איינזאַם
אויף די פייכטע ווענט, פערגעלטע,

האָט געציטערט שטיל דער שאָטען
פון זיין קאָפּ דעם גרוי-בעלאָקטען.

ס'איז זיין בליק דער קאַלטער, שטאַרער
צו דער נידער נאָר געפאַלען,
צו דעם קאַלטען, נאַסען באָדען
איז זיין קערפּער אַלץ געזונקען.

און פון קאַלטען נאַסען באָדען
האָבען בילדער שטיל געשטויגען:
טרויער-בילדער, גיהנום-קינדער
איינגעהילט אין טרויער-מאַנטלען.

ג ר ו י ל צו ח ו ש ך האָט געוואונקען:
„לאָמיר נעצען פּאַר איהם וועבען,
זאָל זיין קאָפּ נאָך טיפער זינקען,
זאָל זיין לעבען וויסטער ווערען".

אין זיין קאַלטען, אַלטען האַרצען,
ווי אין גרויסען מתים-פּאַלאַץ,
האָט בעזעצט אַליין דער שטן
פּחד-בילדער, גיהנום קינדער.

אין דעם גרויסען מתים-פּאַלאַץ
האָט בעזעצט אַליין דער שטן

צוואַנציג טויזענד רוחות־ריזען,
גרויל און פחד צו פערשפרייטען.

אין זיין האַרצען האָט געצויגען
טרויער־שטימען, יאָמער־קלאַנגען
טעגליך, טעגליך איז געוואַקסען
אָט דער גרויסער מתים־פּאַלאַץ.

און די שרעק אין אַלטען האַרצען
האָט געפּלייצט פון איהרע ראַנדען,
ביז אַ שוואַרצער פּחד־פייער
האָט צופלאַקערט זיינע אויגען.

„געה זוך יוגענד!" — האָט אַ שטים איהם
אין זיין האַרצען אויסגערופען —
דאָרט ווי יוגענד אייביג שטראַהלען
אַלע שטראַהלען אין בעגינען".

און דאָס רופען, ס'ווייטע רופען,
האָט זיין האַרצענס־גרויל פערטאָפּעלט.
און דער פּחד־פייער, גרויזאַם,
האָט די עלטער אויפגעהויבען.

און דער גרויסער מתים־פּאַלאַץ
האָט דעם קעלער שטיל פערלאָזען —

צוואַנציג טויזענד רוחות־ריזען,
זענען איהם פאָראויס געגאַנגען.

*

ערגיץ ווייט, אין ווייטען מדבר,
ווייט פון מענשען, שטעהט אַ פעלזען
און זיין הויכער קאָפּ, דער שטאָלצער,
ווינקט און לאַכט צו זון און שטערען.

ביי די פעלזען־פיס די האַרטע
זיצט דער אַלטער טרוימער, ציטערט;
טיף געבויגען און דערשלאָגען
איז זיין קאָפּ דער גרוי־בעלאָקטער.

צו די פעלזען־פיס די קאַלטע
האָט דער פחד איהם געוואָרפען,
און די עלטער און דער עלענד
האָבען האַנט זיך האַנט געגעבען.

*

מיט אַ מבול זונענשטראַהלען
האָט געפּלייצט דער מזרח־הימעל
און דער מדבר האָט געלויכטען
אין דעם שמייכעל פון פריהמאָרגען.

און ביי'ם שמייכעל פון פריהמאָרגען,
צו דער העכסטער הויך פון פעלזען,
וואו דאָרט אונטען רוהט די עלטער,
האָט דער יונגלינג אויפגעשטויגען.

צוואַנציג טויזענד זונענטרעגער
האָבען איהם אַרומגערינגעלט —
שענער, שענער האָט געשימערט,
האָט געשטראַהלט דער יוגענד־פּנים.

כאַ—כאַ, כאַ—כאַ! האָט געקלונגען
אין דער לופטען העל זיין שטימע,
ווי פון טויזענד זילבער־גלאָקען
האָט געהילכט זיין יונג געלעכטער:

„כאַ—כאַ, כאַ—כאַ, הויך און נידער
האָט בעשאַפען גאָט דער ליבער—
איבער דעם גאָר שוועבט דאָס לעבען,
בויט עס וועלטען צויבער־פּרעכטיג!"...

און פון יונגלינגס יוגענד־אויגען
האָט דאָס מאָרגען־ליכט געצויגען
צו די פיס פון הויכען פעלזען,
אויפ'ן קאָפּ פון אַלטען טרוימער.

און דאָס ליכט האָט דורכגעשאָסען
ביז צום פינסטערן קבר־האַרצען;
אויפגעציטערט האָט גאָר יונגער
דער צוקנייטשטער אַלטער פּנים.

און דאָס גרויסע טיפע בענקען
האָט געוועקט זיך, איז געוואַקסען
אין זיין האַרצען, אין זיין וועזען—
ס׳האָט געקוקט פון זיינע אויגען.

און פערשוואונדען פון זיין האַרצען
איז דער שטן, גרויל און חושך.
צו דער העכסטער הויך פון פעלזען
ט׳זיין בענייטער בליק געוואונקען.

„צו דער יוגענד, צו דער יוגענד״—
האָט זיין אייגען האַרץ געררופען...
העלער, העלער ווערט דאָס פייער,
זיינע אויגען — הימעל־פלאַמען.

„כאַ—כאַ, כאַ—כאַ...״ ס׳לאַכט די יוגענד
און זי וואַרט אויף צויבער־פליגעל.
שטאַרקער, שטאַרקער ווערט דאָס בענקען,
ס׳וויל ס׳בענייטע האַרץ צושפּרינגען.

„אַך, די יוגענד—זי וועט רייסען
זון און שטערען און בעצווינגען
און זיי ברײנגען צו די מענשען
אין דער נידער, אין דער נידער".

און מיט שטאָלצע טריט געשטויגען
האָט די עלטער אויפ'ן פעלזען;
אויסגעברייט ווייט האָט דער טרוימער
זיינע אָרעמס, ווי צוויי פליגעל.

און זיין קאָפּ דער גרוי־בעלאָקטער,
האָט געשטרעבט אַלץ הויך און העכער —
צוואַנציג טויזענד זונענטרעגער
האָבען העל זיין וועג בעלויכטען.

צום ברייטען וועג.

פריהלינג. ווייט פון שטאָדט און מענשען. אַ גרויסער, געדיכטער גאָרטען פון פערשיידענע בוימער איינגעטונקט אין בליהטען, ווי מיט אַ ווייסען שניי בעדעקט. צווישען די בוימער אַ גרינער גראָז. אַ ליכטיגער פריה־מאָרגען. אַלץ ארום איז בעגאָסען מיט זונענשיין. פון ווייטען, צווישען די בוימער, זעהט זיך אַ הילצערן הייזעל, נעבען דעם א ברונעם.

זמירה (שטעהט נעבען אַ בוים, קוקט צו די בליהטען).

עמנואל (קומט אָן פון צווישען די בוימער).

זמירה.

איך הער פון ווייטען, ווי ס'האַרץ דיינס קלאַפּט. מיט וואָס זענען אַזוי דיינע געדאַנקען פערנומען?

עמנואל.

איך האָב אינגאַנצען מיין געדאַנק פערלאָרען.

זמירה.

זעה, ווי עס בייטען זיך די פאַרבען אין די טוי־טראָפּענס, וואָס אויף די בליהטען. (נעהמט זיין האנט) פערמאַך דיינע אויגען; הערסט, ווי די קנאָספּען קנאַקען און עפענען זיך.

עמנואל.

ניין, מיין אויער פערנעהמט עס ניט.

זמירה.

הער, ווי דאָס לעבען רייסט זיך פון יעדער גרעזעלע, דורך יעדער בלעטעלע.

עמנואל.

פרעמד איז עס מיר געוואָרען. איך בין צו די בערג געגאַנגען. איך האָב דעם ליכטיגען טאָג געוואָלט בעגריסען אויפ'ן הויכען בארג שטעהענדיג. כ'האָב געקוקט, אפשר וועל איך פון הויכען באַרג דעם ברייטען וועג דערזעהן.

זמירה.

דעם ברייטען וועג?

עמנואל.

אָבגעריסען און דערווייטערט האָט מען מיך פון ברייטען וועג. פון איין שטילער מדינה בין איך אין דער צווייטער פערוואָרפען געוואָרען. מיין האַרץ האָט געשפירט, אַז ערגעץ ווייט זידט און קאָכט דאָס לעבען; טויזענדער קוואַלען קוועלען און שיסען ביז אין הימעל אַריין און נאָך דעם רופען פון מיין אייגענעם האַרצען האָב איך מיר, דורך באַרג און טאָל, וואַלד און פעלד געלאָזט דעם וועג זוכען—ביז כ'בין צו דיר געקומען. אָבער שטיל איז עס דאָ; נאָך טויזענדער מאָל שטילער. איך קען די שטילקייט ניט פערטראָגען.

זמירה.

ניין, ניט שטיל איז דאָ אַרום. הערסטו דען ניט, ווי אַלץ אַרום אונז בעוועגט זיך? אָט הער, ווי די געוויקסען שלייכען זיך פון דער ערד אַרויס.

עמנואל.

וואו איז דער פייער, וואָס האָט פון ווייטענס מיינע אויגען געבלענדעט? וואו זענען די פלאַמען, וואָס האָבען פון ווייטען מיין האַרץ געברענט?

זמירה.

די פלאַמען רינגלען דיך אַרום, אין זונענשטראַהלען האָט זיך דאָך דיין געזיכט פערביטען. ניט לאָז זיך פון דאַנען; פינסטער קען דאָרט דיין וועג זיין.

עמנואל.

ווען איך שלאָף, חלום'ט זיך מיר דער ברייטער וועג. גאָר ניט ווייט מוז ער זיין פון דאַנען. איך זעה, ווי אויף איהם ציהען זיך ווי טאָג אַזוי נאַכט טויזענדער מענשען — אַלע געהען, געהען.

זמירה (לעגט איהר קאָפּ אויף זיין אקסעל).

די פלאַמען, וואָס האָבען פון ווייטען געוואונקען צו מיר — רינגלען מיך איצטער אַרום. די כשוף־קלאַנגען, וואָס כ'האָב אין חלום געהערט—שאַלען איצטער אויף דער וואָהר. ניט שטיל איז איצטער אַרום אונז, עמנואל. טויזענדער פויקען שלאָגען אַרום אונז, פון טויזענדער כלי־זמר רייסען זיך מעלאָדיען און צויבערען אונז. אויף דער ערד זענען מיר, עמנואל. די ערד איז אַזוי ליב, אַזוי דערבאַרימדיג.

עמנואל.

ווען איך האָב זיך פון מיין שטילער היים אַרויסגעריסען, האָב איך זיך פון דער ערד אָבגעריסען. איצטער בלאָנדזשע איך צווישען הימעל און ערד אָדער הימעל אָדער ערד — איך קען שוין מעהר אין לופטען ניט הענגען.

זמירה.

ניט אין הימעל און ניט אויף דער ערד זאָלסטו זיין, עמנואל, איך וועל דיך אין מיין האַרצען בעהאלטען; איך וועל דיך אין מיין נשמה בעזעצען. הימעל און ערד אינאיינעם וועסטו דאָרט געפינען. זאָל מיין האַרץ זיין פאַר דיר גלייך צו אַנ'איינזאַמען אינזעל, וואָס הענגט צווישען הימעל און ערד. רייס זיך פון דעם אינזעל ניט אָב, ער איז דיר וועניג שען — וועל איך דיר איהם מיט גן־עדן־בלומען פערצירען; איז ער דיר וועניג ליכטיג — וועל איך איהם מיט נשמה־ליכטיגקייט בעלייכטען.

עמנואל.

ווי זאָל איך די שטילקייט פערטראָגען.

זמירה.

געה ניט מעהר אַליין צווישען די בערג. דאָרט בלאָנדזשען נשמות אַרום; נשמות, וואָס האָבען זייער היים פערלאָזען, זייער היים פערלאָרען: זיי זענען אַוועק אין דער וועלט אַריין זוכען און מעהר ניט געקענט שוין צוריק אַהיים זיך דערשלאָגען. זיי וואָגלען צווישען די בערג אַרום און וויינען און קלאָגען אין דער שטיל, שילטען דעם טאָג, וואָס זיי האָבען זייער היים פערלאָזען. געה ניט מעהר צו די בערג.

עמנואל.

מיין שלאָף איז גערויבט פון מיר. יעדע נאַכט, ווי באָר איך שליס מיינע אויגען, רייסט מיך אַ שטימע און וועקט, איך זאָל ניט פערשלאָפען; איך זאָל זיך אין וועג אַריינלאָזען. קום דו אויך מיט מיר, לאָמיר אינאיינעם געהן זוכען דעם ברייטען וועג.

זמירה.

אָט אַזוי וועל איך דיר צו מיין האַרץ דריקען. פערגעס, פערגעס אָן אַלץ.

עמנואל.

עס שווינדעלט מיר מיין קאָפּ.

זמירה.

אָט אַזוי; איך וועל דיר דיינע אויגען פערמאַכען. איצטער הער, איך וועל דיר אַ מעשה דערצעהלען; זעהסט דאָרט דעם ברונעם, וואָס געבען שטיבעל?

עמנואל.

קבר־שטילקייט ציהט פון ברונעם.

זמירה.

אַך, גאָר ניט שטיל איז עס דאָרט. יעדע האַלבּע נאַכט הויבּט אָן דער ברונעם צו זינגען. דעם גאַנצען גאָרטען נעהמט דאָס געזאַנג אַרום. מיר וועלען בּיינאַכט אויפשטעהן דאָס געזאַנג צו הערען.

עמנואל.

מאָרגען, נאָך איידער די זון וועט אויפגעהן, וועל איך דעם ווינקעל פערלאָזען.

זמירה.

איך וועל דיר די בּערג מיט'ן בּרייטען וועג אַהער בּרענגען. אַלץ אין דער וועלט וועל איך פאַר דיר אַהער בּרענגען. אַך, דו ווייסט עס גאָרניט. טויזענדער וועלטען האָט דער ליבּער גאָט בּעשאַפען און זיי אַלע האָט ער אין מיינע הענט איבּערגעגעבּען; אין מיין האַרצען בּעהאַלטען, צו מיר, עמנואל, געהער דער הימעל און די ערד. דער בּרייטער וועג פיהרט גלייך צו מיר. געדענק, עמנואל, אַז דער בּרייטער וועג האָט דיך צו מיר געבּראַכט. דו האָסט זיך איבּער בּאַרג און טאָל, דורך וואַלד און פעלד געלאָזען — אָבּער דאָס אַלץ האָט דיך צו מיר געבּראַכט. (קושט איהם) טויזענדער נשמות, עמנואל, בּלאָנדזשען אום צווישען די בּערג און וויינען. שרעקליך מוז דאָס וויינען זיין. זאָג מיר, ווי קלינגט עס דער קול פון געוויין? מיט גרויל מוז ער קלינגען... זעה, די ליכטיגע זון שיקט אַלע איהרע ליכטיגסטע שטראַהלען גלייך צו אונז אַראָבּ. איבּער אונזערע קעפּ וועבּען זיך ליכטיגע נעצען. דאָרט צווישען די בּערג מוז גאָר די זון ניט שיינען.

עמנואל.

ניט רעד מעהר אַזוי, זמירה...

זמירה.

איך וועל דיר אויף מלאכים־פליגלען אַרויפזעצען און צווישען הימעל און ערד וועלען מיר זיך טראָגען. העכער, איבער די בערג וועלען מיר שוועבען; העכער, איבער דעם ברייטען וועג וועל איך פאַר דיר אַ וועג מאַכען.

עמנואל.

אַלץ שטילער און שטילער; אַלץ איינזאַמער און איינזאַמער. עס שטיקט מיר מיין האַלז... עס ווערען פייכט מיינע אויגען.

זמירה.

ווי דיין קול ציטערט!

עמנואל.

מיין האַרץ ווערט מיר צוריסען. און מיינע אויגען...

זמירה.

דו וויינסט, עמנואל! צווישען די בערג ביזטו געוועזען. זעה, עס ווערט פינסטערער אַרום אונז. מיט אַ שוואַרצען וואָלקען ווערט דער הימעל פערצויגען, עמנואל, די זון לעשט זיך! עס פאַלען די בליהטען פון די בוימער אַראָב. זעה, די ערד ווערט איינגעשרומפּען און שלינגט איין אַלע געוויקסען, וואָס האָבען איהר צוגעדעקט... איך בעשווער דיך, עמנואל, ביי מיין האַרץ, וואָס טראָגט לעבען פאַר דיר און פאַר אַלעמען; איך בעשווער דיך ביי דעם ליכט, וואָס האָט דיר געלויכטען און דורך וואַלד און פעלד צו מיר געבראַכט — זאָלסט ניט וויינען... הער, עמנואל, פון ברונעם זינגט! האָסט מיט דיין וויינען דעם טאָג אויסגעלאָשען. האַלבע נאַכט איז געוואָרען. וואָס האָסטו אַזעלכס געבראַכט מיט זיך פון צווישען די בערג? ביזטו אפשר אויך אַ פערוואָגעלטע נשמה, וואָס האָט שוין לאַנג צווישען די בערג געבלאָנדזשעט...

עמנואל (זיין קאָפּ בעהאַלטען אויף איהר ברוסט. זיין גאַנצער קערפּער ציטערט פון איינגעהאַלטענעם געוויין).

זמירה (מיט טרויער אין איהר שטים).

דאָס שרעקליכסטע און דאָס גרויליכסטע איז געשעהן, ברענענדיגע טראָפּענס פאַלען פון זיינע אויגען און ברענען מיין האַרץ, דאָס שרעקליכסטע און דאָס גרויליכסטע איז געשעהן, עמנואל...

אַ וואַנדערער (קומט אָן פון צווישען די בוימער. ער זעהט אויס זעהר מיעד, געבויגען אונטער זיין פּאַק. קומענדיג צום ברונעם בלייבט ער אַ ווײַלע שטעהן, הערט זיך צו)

עמנואל (וואַכט אויף).

איך שפּיר נאָך מענשען אַרום אונז.

זמירה (מערקט דעם וואַנדערער).

ווער איז עס דאָרטען? האָט איהם דיין וויינען אַרויסגערופען אָדער מיין טרויער האָט איהם געבראַכט? ווער איז דאָרט?

וואַנדערער.

כ׳האָב געמיינט, אַז אײַנגאַנצען טויב בין איך שוין געוואָרען פון דעם גערויש, וואָס האָט מיך מיין גאַנץ לעבען נאָכגעיאָגט; נאָר דאָ ביים ברונעם האָט מיין אויער גן-עדן-געזאַנג פערנומען. (קוקט זיך אַרום).

עמנואל.

פון וואַנען ביזטו געקומען? ווער האָט דיר דעם וועג געוויזען?

וואַנדערער.

עס רוישט מיר שטאַרק אין מיין קאָפּ. איך הער נישט, וואָס דו רעדסט. פערמאַטערט האָט מיך דער געטומעל.

עמנואל.

פון וואַנעןׂ ביזטו געקומען? איך וועל מיט אַלע מיינע כחות אַהין לויפען. מיר האָט שוין די שטילקייט באַלד ביז צום טויט דערשלאָגען.

זמירה.

ווי אויסגעמאַטערט איז דיין געזיכט, וואַנדערער, ווי איך זעה, ביזטו גע־גאַנגען לעבען זוכען און דער טויט האָט דיך בעגלייט.

עמנואל.

אפשר ביזטו מיט׳ן ברייטען וועג געקומען?

וואַנדערער.

איך מערק ווי אַייערע ליפען בעוועגען זיך; איהר רעדט צו מיר און איך הער נישט. איך בין פערטויבט. רוהען וויל איך.

עמנואל (שרייט).

זאָג, צי האָסטו וואו דעם ברייטען וועג בעגעגענט?

וואַנדערער.

איך הער ווי אַ געררויש פון פליגעל איבער מיין קאָפּ.

זמירה (צערטליך).

איך וועל דיר דאָס לעבען שענקען. דאָ, אין דעם רוהיגען ווינקעל, וועט דיין נשמה ווידער בעגייט ווערען.

וואַנדערער.

איך האָב דאָס לעבען געזוכט און בין אין אַ ים טרערען אַריינגעפאַלען, וואו כ׳האָב מיינע אויגען אויך אויסגעוויינט... דו קוקסט אין מיינע אויגען; איך הער נישט דיינע ווערטער, נאָר מיין האַרץ שפירט זיי. רעד נאָך, אפשר וועל איך זיי נאָך דערהערען.

עמנואל (פערצווייפעלט).

פיהר מיך, זמירה, פון דאַנען. אויב פאַר מיר איז דער גרויזאַמער טויט געגרייט — פיהר מיך צו איהם; אויב פאַר מיר איז דאָרט דאָס לעבען געגרייט, שענק מיר עס.

זמירה.

אין מיין האַרצען ליגען אַלע וועלטען אינאייגעם פערבאָרגען, אָרימער מענש.

וואַנדערער.

רעד נאָך; ווי פון הימעל גיסען זיך דיינע ווערטער.

זמירה.

ניט פון הימעל און ניט פון דער ערד — פון האַרצען, וואו הימעל און ערד אינאייגעם זענען פערבאָרגען.

עמנואל (צום וואַנדערער).

פיהר מיך אַהין, וואו דו ביזט טויב געוואָרען... זאָג מיר, זמירה, פאַר וואָס ווערט מיר אַלץ פינסטערער און פינסטערער אַרום? ווער האָט דעם גאָרטען בוימער און בלומען געפלאַנצט? ווער זינגט עס דאָרט פון ברונעם אַרויס? זעה, די בלומען האָבען זייער פאַרב פערלאָרען. פון ברונעם אַרויס וויינט עס... הערסט ווי דאָס וויינט?.. זאָג מיר, וואו איז דער אָרט, וואו לעבען און טויט געפינען זיך? (א דריקענדע שטילקייט הערשט א ווײלע).

זמירה (שמערצליך).

שרעקליך איז דאָס וויינען... איך האָב דיר, עמנואל, מיין ברוסט אויסגעשטרעקט, זאָלסט ריוה אויף איהר געפינען; איך האָב דיר מיין נשמה איבערגעגעבען, זי זאָל דיך העכער איבער דעם ברייטען וועג טראָגען, וואָס האָסטו טרערען אויף מיין ברוסט געגאָסען?! ווער האָט דיך וויינען געלערענט? ווער

האָט דיר דעם גיפט געשענקט, וואָס האָט פון דיינע אויגען געטריפט אין מיין האַרצען אַריין?

ו ו אַ נ ד ע ר ע ר.

וועלטען בין איך אויסגעגאַנגען און אין ערגעץ שיינט ניט די זון אַזוי לויטער ווי דאָ. העלער ווערט מיין געדאַנק. רעדט צו מיר, איך הער וואָס איהר רעדט... וואָרום זענען אַזוי אייערע געזיכטער פינסטער געוואָרען מיט מיין אָנקומען אהער? וואָס האָב איך דען אזעלכס געבראַכט מיט זיך? קיין טרערען נישט. איך האָב זיי ביסלעכווייז פערגאָסען אויף די אַלע וועגען, וואו נאָר כ'בין פערוואָגעלט געווען; אויף יעדען שטיין, וואו כ'האָב מיין קאָפּ אָנגעשפּאַרט. (צו זמירה'ן) וואָרום האָט זיך ווי אַ וואָלקען אויף דיין פנים פערצויגען?..

ע מ נ ו א ל.

זאָג מיר, וואַנדערער, אויף וואָס פאַר אַ וועגען ביזטו געגאַנגען?

ו ו אַ נ ד ע ר ע ר.

איך בין ניט געגאַנגען; איך בין פון איין וועלט אויף דער אַנדערער געפאַלען. קיינער האָט מיך נישט געשטויסען און איך בין אַלץ שווערער און שווערער געפאַלען. ווי שטיל און רוהיג איז ביי אייך. אייער גאָרטען איז מיט הויכע בערג אַרומגערינגעלט. אַזוי ליב איז דאָ ביי אייך. און דאָרט, אויף יענער זייט בערג, אויף דעם גרויסען וועג, ליגען אַזוי פיל צובראָכענע וועלטען, אפשר צו אייך האָבען זיי זיך געצויגען, זענען זיי אויפ'ן וועג צושמעטערט געוואָרען.

ע מ נ ו א ל (כאפט איהם פאר'ן האנט).

דעם ברייטען וועג... זאָג, וואו האָסטו איהם געזעהן?

ו ו אַ נ ד ע ר ע ר.

אָן אַ זייט פון ברייטען וועג ציהען זיך שפּיציגע, שטיינערדיגע בערג, דאָרט, צווישען יענע בערג—האָט זיך דער טרויער פון אַלע וועלטען אויסגעגאָסען

זמירה.

זאָג מיר, וואַנדערער, ווער האָט דיך אַהער געבראַכט?

וואַנדערער.

דער לעצטער פונק פון מיין האַרצען, וואָס האָט נאָך געגליהט, האָט מיר דעם וועג בעלויכטען.

עמנואל.

איך הער דאָס געוויין, וואָס טראָגט זיך אַהער צווישען די בערג. זמירה, צעבראָכענע וועלטען ליגען דאָרט און וויינען; וועלטען, וואָס האָבען זייער האַרץ פערלאָרען... פערלאָז דיין שטילען גאָרטען מיט זיין כשוף-ברונעם.

זמירה.

ווי שרעקליך איז דאָס וויינען. וועלטען וויינען... שטום קוקט איהר מיר אָן, איהר בוימער, בלומען, הימעל און ערד. שטום איז די ליבע ערד, וואָס האָט מיך אין איהר שויס דערצויגען; שטיל זענען געוואָרען אַרום מיר די פריהלינגס-קלאַנגען. גרוי זענען געוואָרען די טוי-טראָפּען אויף די בלומען-בעכער... וואָס קלעמט מיר אַזוי מיין האַרץ... וואַנדערער, פון וואַנען ביזטו געקומען?

וואַנדערער.

איך געה מיין גאַנץ לעבען.

זמירה.

דו האָסט דעם טרויער אַהער געבראַכט. פון פרעמדע וועלטען האָסטו איהם אַהער געבראַכט. (זי זעצט איהם אויף א גראז-באַנק אנידער) אויף אייביג פערגעס פון וואַנען דו ביזט געקומען. געדענק נאָר, אַז דאָ בעדאַרפסטו בלייבען.

וואַנדערער.

איך זעה ווידער מיין וויג-בעט געפלאָכטען פון גרינע פּאַלמען און בע-

פוצט מיט בליהענדיגע הדסים... איך הער, ווי די ערד אַליין זינגט און בעגריסט זיך מיט דעם הימעל... פערלאָז, דו געטין, דיין שטילען ווינקעל. טראָג דיין האַרץ צווישען די בערג אַוועק. צערייס דיין האַרץ און וואַרף עס אויף אַלע וועגען, אויף אַלע שטעגען. צערייס דיין האַרץ, דו שענע געטין, זאָלען פון דאָרט אַלע שענע וועלטען אַרויסקומען; זאָלען זיך אין דיין האַרצען אַלע וועלטען אַריינגיסען.

עמנואל.

זמירה, וועלטען ווייַנען צווישען די בערג.

זמירה.

ווי שרעקליך, ווי שרעקליך איז דאָס ווייַנען...

וואַנדערער.

איך זעה ווידער מיין היים אונטער דעם בלויען הימעל פעסט אויף דער ערד געבויט... פערלאָז, דו געטין, דיין איינזאַמען, פערוואָרפענעם ווינקעל, טראָג דיין האַרץ צום ברייטען וועג אַרויס. זאָל דיין האַרץ זיין אַ בית־המקדש, וואו מיעדע וואַנדערער וועלען זייערע תפילות אויסגיסען.

זמירה.

ווי שרעקליך, ווי שרעקליך איז דאָס ווייַנען.

וואַנדערער.

איין ציגעל זוכט דעם אַנדערען אויף און מיינע צעבראָכענע וועלטען ווערען אויף דאָס ניי געבויט... פערלאָז, דו געטין, דיין איינזאַמען ווינקעל, זאָל דיין האַרץ ווי די ליכטיגע זון בעלויכטען די חורבות, וואָס זענען אויף אַלע וועגען צעשפרייט.

עמנואל.

זאָג מיר, וואַנדערער, וואו איז דער ברייטער וועג?

ו ו אַ נ ד ע ר ע ר.

די גאַנצע וועלט נעהמט ער אַרום און דאָס אומגליק רוהט אויף יעדען טריט.

ע מ נ ו א ל.

גלייך צו די בערג געה איך, פון וואַנען דאָס געוויין טראָגט זיך. (געהט ארויס פון גאָרטען).

ז מ י ר ה.

וועה, אויף אַלע ברעגען פון דער וועלט האָב איך גערטנער געפלאַנצט. רוהיגע הייליגע ליכטיגע גערטנער. און קיינער מערקט זיי ניט. טויב זענען זיי געוואָרען און הערען שוין ניט מעהר דאָס געזאַנג, וואָס דאָס מינדעסטע אַרום זינגט און רופט צום לעבען. בלינד זענען זיי געוואָרען און זעהען ניט דאָס, וואָס עס לעבט אייביג, וואָס בליהט אייביג און וועלקט נישט.

ו ו אַ נ ד ע ר ע ר (פאַלט מאַכטלאָז).

ז מ י ר ה (שטאָלץ).

אַך, שטאַרבען איז ער אַהער געקומען! זיין גסיסה-ליד איז ער געקומען אַהער זינגען... וואו טויט — איז קיין לעבען ניטאָ... (קוקט זיך ארום) אייביג, אייביג וועל איך צווישען זיי אומבלאָנדזשען; אייביג וועל איך צווישען זיי מיינע גערטנער פלאַנצען, מיינע ברינימער גראָבען און זיי וועלען עס נישט וויסען, קיינמאָל נישט... קיינמאָל נישט. (זי געהט ארויס פון גאָרטען פארביי דעם ברו-נעם. מיט איהר דערווייטערן זיך ווערט אַלץ פינסטערער און פינסטערער ארום).

אינהאלט.

זייט:

א) וואַנדערער־טרוימען — — — — — — — ה.

ב) צווישען טאָג און נאַכט

צווישען טאָג און נאכט — — — — — — — נה.

זומער פארנאכט — — — — — — — — — — נח.

נאכט און ים — — — — — — — — — — סג.

ס'איז בלויז אחלום געווען — — — — — סח.

פייערלעך — — — — — — — — — — — עב.

אין פעלד — — — — — — — — — — — עה.

שפיל דו, מלאך מיינער — — — — — — — — עט.

ג) פערלאַנגען.

פריהלינג — — — — — — — — — — — — פה.

ביים ים — — — — — — — — — — — — פז.

צוויי וועלטען — — — — — — — — — — צ.

ביים קאָפירען — — — — — — — — — — צה.

הערבסט — — — — — — — — — — — — צח.

דער רויזענקראנץ — — — — — — — — — קא.

פערלאנגען — — — — — — — — — — — — קז.

ד) בוימער-בלומען און טרערען

זייט:

צייטען — — — — — — — — — — קיג.

דער איינזאַמער דעמב — — — — — — — קטו.

רויזען — — — — — — — — — — קכב.

פון צוויי ברעגעס — — — — — — — קכז.

אין ליליען-בעכער — — — — — — — קכה.

די בלינדע בעטלערין — — — — — — — קכט.

געפאַלענע שטערן — — — — — — — קלד.

ביים זון-פערגאַנג — — — — — — — קלה.

אין געפענגניש — — — — — — — — קלו.

אַ בוים — — — — — — — — — — קלז.

אַ פערשאָלטענער שפין — — — — — — קלט.

דער מוטערס טרערען און אַ שמעטערלינג — קמא.

ה) יוגענד

יוגענד — — — — — — — — — — — קמז.

צום ברייטען וועג — — — — — — — — קנו.

תרס"ו—ע"ג